בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

אִידִישׁ

תשפ"ו

439

בְּרִיוְון פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
אוּן פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
### וויליאמסבורג
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
### בארא פארק
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
### קרית יואל
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.662.4888**

היכל הקודש
### קרית יואל
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
### בלומינגראוו
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
### מאנסי
**34 Union Rd,**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
### ירושלים
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
### בני ברק
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


נדפס ע"י

**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י

**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

פַארְוָואס הָאט מֶען אָפְּגֶעלָאזְט דֶעם שִׁידוּךְ? ..........................א

גֵיין צוּ דִי חֲתוּנָה אָן קֵיין אֵיין פְּרוּטָה חוֹבוֹת?.........................ג

וֶוערְן זַאט מִיט וֵויינִיג עֶסְן?..........................ה

פַארְגֶעסְן אָנְצוּגְרֵייטְן נֶעגְל וַואסֶער ..........................ו

פַארְוָואס בִּין אִיךְ נִישְׁט מַצְלִיחַ אִין פַּרְנָסָה? ..........................ח

אוֹיסְזָאגְן אַלֶעס פִּינְקְטְלִיךְ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן? ..........................י

דִי אוֹיפְפִירוּנְג אִין מַיין פַאמִילְיֶע אִיז אוֹיסְגֶעהַאלְטְן?..........................יב

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

וָואס אִינְטֶערֶעסִירְט אַייךְ וָואס אַנְדֶערֶע טְרַאכְטְן?..........................א

נִישְׁט שְׁלָאגְן, שְׁטוּפְּן, צִיפְּן, שְׁטוּיסְן - אַ צְוֵוייטְן..........................ב

מַאךְ זִיךְ נִישְׁט צוּטוּן פוּן לֵצִים..........................ג

אִין בֵּית פֵּיגָא רֶעדְט מֶען נָאר אִידִישׁ..........................ד

דַיין טַאטֶע שֶׁעפְּט נַחַת פוּן דִיר ..........................ה

מֶען וַוייזְט דֶעם מֶענְטְשׁ כְּאִילוּ מֶען דַארְף אִים נִישְׁט..........................ו

צִיפּ זִיךְ דִי בַּאקְן אוּן גֵיי אַרוּם מִיט אַ שְׁמֵייכְל ..........................ז

גֵיי יֶעדְן טָאג אַ ״דַאנְקֶען שְׁפַּאצִיר״ ..........................ח

וִויפִיל דַארְף אַ קִינְד לֶערְנֶען?..........................ט

קוּק נִישְׁט קֵיין וִוידִיאוֹס, אוֹיךְ נִישְׁט אִידִישֶׁע..........................ט

נִישְׁט זִיךְ צוּגֶעווֹאוֹינֶען צוּ עֶסְן רַייכֶע עֶסְן, אִיבְּרִיגֶע עֶסְן ............................ י
עֶס גֵייט שׁוֹין כִּמְעַט לִיכְטִיג וֶוערְן, הַאלְט זִיךְ ................................יא
פְרֵיילִיךְ מַאכְן דַיין זֵיידֶע אוּן בַּאבֶּע ............................................יב
אַרְבֶּעטְן נָאךְ אַ שָׁעָה? ..............................................................יג
נִישְׁט גֶעבְּן פַאר אַ קִינְד אַ טֶעלֶעפָאן מִיט טֶעקְסְט ............................יג
לָאז אַרוֹיס מַיין טַייעֶרְער תַּלְמִיד פוּן תְּפִיסָה..........................יד
פַּרְנָסָה הָאט נִישְׁט מִיט וָואס אוּן וִויפִיל מֶען אַרְבֶּעט.......................... טו
גֵיין צוּ אַ מִשְׁפָּחָה שַׁבָּת צַאמְקוּם?..............................................יז
בַּאגְרִיסְן יֶעדְן אֵיינֶעם מִיט אַ שְׁמֵייכְל ..............................................יז
קוֹיפְן בִּנְיָנִים פַאר אוּנְזֶערֶע דוֹרוֹת............................................יח
זִיךְ שְׁפִּירְן אוֹיסְדֶערְוֶועלְט צוּ גֵיין שְׁווִימֶען הֵיילִיג ..........................יח
גֶעבְּן אַרְבֶּעט פַאר בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט צוּ הֶעלְפְן ............................יט
דַיין טָאכְטֶער הָאט חֲבֵרִים גוֹיִם הַשֵׁם יִשְׁמְרֵינוּ ........................... כ
נֶעמְסְט מֶער נִישְׁט אַרוֹיס פוּן אָפִּיס דִי טֶעבְּלֶעט וְכַדוֹמֶה ..........................כא
מִיט לִיבְּשַׁאפְט עֶפְנְט מֶען דֶעם הִימְל פַאר יְשׁוּעוֹת ............................ כב
גֵיין נָאךְ גֶעלְט אִיז אַ גְרוֹיסֶע תִּיקוּן.............................................כג

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## פַארְוָואס הָאט מֶען אָפְּגֶעלָאזְט דֶעם שִׁידוּךְ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין זִיךְ אַסַאךְ מְחַזֵק מִיט דִי שְׁמוּעֶסְן אוּן שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אַז אִיךְ בִּין אַ חָתָן גֶעוָוארְן פַאר עֶטְלִיכֶע חֳדָשִׁים צוּרִיק, אָבֶּער אַ חוֹדֶשׁ פַאר עֶס הָאט גֶעדַארְפְט זַיין דִי חֲתוּנָה הָאט דִי כַּלָּה אָפְּגֶעלָאזְט דֶעם שִׁידוּךְ, אָן קֵיין שׁוּם סִיבָּה.

פוּן דֶעמָאלְט בִּין אִיךְ אִינְגַאנְצְן צֶעבְּרָאכְן, אִיךְ קֶען מַמָּשׁ נִישְׁט לֶערְנֶען, אוּן קוֹים וָואס אִיךְ קֶען אַבִּיסְל דַאוֶונֶען. אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן אוּן וִוי אַזוֹי צוּ גֵיין פוּן דָא וַוייטֶער, אוֹיב דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִיר הֶעלְפְן אוּן מְחַזֵק זַיין.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ (שְׁלַח בא״י), י״ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ו**

**לִפְרָט קָטָן**

**... נֵרוֹ יָאִיר**

**דָאס וָואס הָאט פַּאסִירְט מִיט דִיר, מֶען הָאט אָפְּגֶעלָאזְט דִי שִׁידוּךְ אַ חוֹדֶשׁ פַאר דִי חֲתוּנָה - אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר אַ וֵוייטָאגְלִיכֶע מַעֲשֶׂה, דִי וֵוייטָאג אִיז אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע וֵוייטָאג, עֶס קֶען צֶערוּדֶערְן דֶעם מֶענְטְשׁ הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, וַוייל מֶען הָאט זִיךְ שׁוֹין גֶעפְרֵייט אַז מֶען גֵייט חֲתוּנָה הָאבְן, דִי גֶעפִילְן זֶענֶען גֶעוֶוען אַזוֹי שְׁטַארְק, מֶען הָאט אַרוֹיסְגֶעקוּקְט אוֹיף דִי שֶׁענְסְטֶע צַייט וָואס**

מֶען הָאט אִין לֶעבְּן - אוּן פְּלוּצְלוּנְג בּוּם... אַ קְרַאךְ... אַ בָּאמְבֶּע... אַלֶעס אוֹיס... דִי צַעַר אִיז זֵייעֶר שְׁטַארְק.

דָאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, הַארְצִיגֶער חָבֵר: "דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ"; חַזֵר דִי אֱמוּנָה, חַזֵר זִיךְ אַז אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט - קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז עֶס קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - קֶען דָאס נִישְׁט זַיין שְׁלֶעכְט, וַוייל פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - גֵייט נִישְׁט אַרוֹיס קֵיין שְׁלֶעכְטְס, אוּן אַז מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן דָאס נִישְׁט - אִיז דָאס נָאכְאַלְץ זִיכֶער פַאר אוּנְזֶער טוֹבָה, אוּן מִיר קֶענֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דַרְכֵי הַמָּקוֹם.

דִי שִׁידוּךְ וָואס מֶען הָאט אָפְּגֶעלָאזְט - אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען דַיין שִׁידוּךְ, אוּן דָאס וֶועט בְּרֶענְגֶען נֶענְטֶער דַיין שִׁידוּךְ; אַזוֹי הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מְגַלֶּה גֶעוֶוען וֶוען דֶעם רֶבִּינְ'ס וַוייבּ אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן. דֶער רֶבִּי גֶעוֶוען אִין רַאדְוִויל, דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט חֲתוּנָה הָאבְּן, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט זַיין אָן אַ וַוייבּ, דֶעמָאלְט זֶענֶען גֶעקוּמֶען אַסַאךְ פְּרוּוּוֶען, זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעוָואלְט מְשַׁדֵּךְ זַיין מִיט אִים, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקצה), אַלֶע וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ פָארְן זֶענֶען זַיינֶע שִׁידוּכִים, אוּן אַזוֹי אִיז בַּיי יֶעדְן מֶענְטְשׁ, מֶען הָאט כַּמָּה וְכַמָּה זִוּוּגִים, דִי שִׁידוּכִים וָואס מֶען רֶעדְט אִיז אוֹיךְ אַ בְּחִינָה פוּן אַ שִׁידוּךְ, אֲפִילוּ עֶס וֶוערְט נִישְׁט אוֹיסְגֶעפִירְט, אֲפִילוּ וֶוען מֶענְטְשְׁן שְׁמוּעֶסְן בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ, עֶס פַאלְט זֵיי בַּיי אַז דֶער בָּחוּר וָואלְט גוּט גֶעוֶוען פַאר דִי מֵיידְל - אִיז דָאס אוֹיךְ אַ שִׁידוּךְ, אֲפִילוּ וֶוען דֶער שִׁידוּךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט אָנְהֵייבְּן אוּן נִישְׁט עֶנְדִיגְן - אִיז דָאס אוֹיךְ אַ בְּחִינָה פוּן אַ שִׁידוּךְ, "וְלִפְעָמִים נוֹסְעִים לַעֲשׂוֹת הַשִּׁדּוּךְ וּבְעֵת הַגְּמָר נִפְרָדִים מֵאֵיזֶה סִבָּה, וְלִפְעָמִים נִגְמָר הַשִּׁדּוּךְ וְאַחַר כָּךְ מַפְסִיקִים הַקֶּשֶׁר שֶׁל תְּנָאִים, וְלִפְעָמִים בָּאִין לִידֵי נִשּׂוּאִין וְאַחַר כָּךְ בְּסָמוּךְ נַעֲשֶׂה גֵּט בֵּינֵיהֶם. וְלִפְעָמִים אֵינוֹ נַעֲשֶׂה הַגֵּט עַד אַחַר אֵיזֶה זְמַן וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה כַּמָּה בְּחִינוֹת שֶׁיֵּשׁ בְּעִנְיְנֵי הַשִּׁדּוּכִים וְהַזִּוּוּגִים שֶׁאֵינָם נִגְמָרִים אַחַר כָּךְ, אֲבָל כֻּלָּם הֵם בְּחִינַת זִוּוּגִים שֶׁלּוֹ. כִּי כָּל אֶחָד יֵשׁ לוֹ כַּמָּה זִוּוּגִים, רַק שֶׁאֵצֶל זֶה נִגְמָר אֵיזֶה זִוּוּג שֶׁלּוֹ עַל יְדֵי אֵיזֶה דִּבּוּר בְּעָלְמָא שֶׁמְּדַבְּרִים מִזֶּה הַשִּׁדּוּךְ, וְלִפְעָמִים עַל יְדֵי אֵיזֶה דִּבּוּר יוֹתֵר אוֹ עַל יְדֵי אֵיזֶה הִתְקַשְּׁרוּת אוֹ נְסִיעָה אוֹ עֻבְדָּא בִּשְׁבִיל הַשִּׁדּוּךְ לְפִי שָׁעָה וְכוּ' כַּנַּ"ל"; זֶעט מֶען

פוּן דֶעם אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט פַאר אַ בָּחוּר אוּן פַאר אַ מֵיידְל כְּדֵי זֵיי זָאלְן טְרֶעפְן זֵייעֶר שִׁידוּךְ - אֲפִילוּ עֶס וֶוערְט נִישְׁט - אִיז אוֹיךְ עֶפֶּעס, וַוייל עֶס וֶוערְט נֶענְטֶער זֵייעֶר רִיכְטִיגֶער שִׁידוּךְ, עַיֵּין שָׁם.

אַז זִי הָאט דִיר גֶעקֶענְט טוּן אַזַא זַאךְ, זָאלְסְטוּ זִיךְ פְרֵייעֶן אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אִיר, וַוייל אַז זִי אִיז אַזַא מֶענְטְשׁ וָואס קֶען טוּן אַזוֹינְס - דַארְפְסְטוּ אִיר נִישְׁט הָאבְּן; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַ כְּלַל אִין לֶעבְּן: 'אַז אֵיינֶער דַארְף מִיךְ נִישְׁט - דַארְף אִיךְ יֶענֶעם טוֹיזְנְט מָאל נִישְׁט'.

נֶעם זִיךְ צַאם, הֵייבּ אָן צוּרִיק מִיט דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, גֵיי דַאוֶוענֶען דְרַיי מָאל אַ טָאג דִי דְרַיי תְּפִלּוֹת מִיט מִנְיָן, הֵייבּ אָן צוּרִיק לֶערְנֶען דַיינֶע שִׁיעוּרִים אוּן נֶעם אַרָאפּ יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל צַייט פַאר הִתְבּוֹדְדוּת; גֵיי אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ, דָארְט זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, שְׁמוּעֶס אוֹיס דַיין הַארְץ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵייל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי גַאנְצֶע פָּרְשָׁה, וִוי פְרֵיילִיךְ דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען אַז דוּ גֵייסְט שׁוֹין כִּמְעַט חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן פְּלוּצְלוּנְג אִיז אַלֶעס פַארְשְׁווּאוּנְדְן גֶעוָוארְן; בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר גֶעבְּן כֹּחַ זִיךְ צוּ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן, אוּן בֶּעט אִים דוּ זָאלְסְט בְּקָרוֹב טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ.

בִּיטֶע מִיר שְׁרַייבְּן וֶוען דוּ וֶוערְסְט אַ חָתָן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### גֵיין צוּ דִי חֲתוּנָה אָן קֵיין אֵיין פְּרוּטָה חוֹבוֹת?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

גֶעלוֹיבְּט דֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער אַז אִיךְ מַאךְ חֲתוּנָה מַיין עֶרְשְׁטֶע קִינְד, אִיךְ קֶען נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי גְרוֹיסֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט מִיר.

דִי גַאנְצֶע צַייט פוּן וֶוען מַיין טָאכְטֶער אִיז אַ כַּלָּה גֶעוָוארְן, הָאבּ אִיךְ גֶעהַאלְטְן אִין אֵיין לֶערְנֶען נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל דִי שִׂיחָה אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קכ"ב, וָואס דֶער

הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט: "שֶׁצְּרִיכִין לְהַמְתִּין לִישׁוּעַת הַשֵּׁם וְלִבְלִי לִדְחֹק אֶת הַשָּׁעָה לְמַלְּאוֹת הַחִסָּרוֹן תֵּיכֶף וּמִיַּד, רַק צְרִיכִין לְהַמְתִּין עַד יְרַחֵם הַשֵּׁם".

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ קֶען זָאגְן אַז אִיךְ גֵיי צוּ דִי חֲתוּנָה אָן הָאבְּן גֶעבָּארְגְט אֲפִילוּ בְּלוֹיז אֵיין פְּרוּטָה, אוּן דָאס אִיז נָאר דוּרְךְ תְּפִלָּה.

שְׁכּוֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן שְׁכּוֹחַ רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַאְרן אַרֵיינְלֵייגְן אִין אוּנְז אַזוֹיפִיל גוּטְס.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ (שְׁלַח בא"י), י"ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

מַזָּל טוֹב, מַזָּל טוֹב! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט זֶען עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע נַחַת בַּיי דֶעם קִינְד אוּן בַּיי אַלֶע קִינְדֶער אִינְאֵיינֶעם מִיט דַיין וַוייבּ גֶעזוּנְטֶערְהֵייט.

זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה וָואס דוּ דֶערְצֵיילְסְט, אַז דוּ הָאסְט גֶע'חַזֶר'ט דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער וָואס עֶר זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קכב), אַז מֶען דַארְף אוֹיסְוַוארְטְן בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט דִי יְשׁוּעָה אוּן נִישְׁט וֶוערְן צֶעדְרִיקְט פוּן וֶועלְן שׁוֹין גְלַייךְ זֶען דִי יְשׁוּעָה, נָאר וַוארְטְן אוּן וַוארְטְן בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן; דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דָאס הָאסְטוּ גֶע'חַזֶר'ט אוּן גֶע'חַזֶר'ט, אוּן יֶעצְט גֵייסְטוּ צוּ דִי חֲתוּנָה פוּן דַיין קִינְד אָן קֵיין אֵיין פְּרוּטָה חוֹבוֹת; דָאס אִיז אַן אָפֶענֶע מוֹפֵת פוּן רֶבִּי'ן.

מוֹהַרְנַ"ת דֶערְצֵיילְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רמט): "וְעִקַּר הַחִדּוּשִׁים וְהַמּוֹפְתִים הַנּוֹרָאִים שֶׁרָאִינוּ מִמֶּנּוּ ז"ל, הוּא רַק בְּעִנְיַן הִתְקָרְבוּת יִשְׂרָאֵל לַאֲבִיהֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם", דֶער עִיקָר מוֹפְתִים וָואס מִיר הָאבְּן גֶעזֶען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען נָאר אִינֶעם עִנְיָן פוּן מְקָרֵב זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, אַז יֶעדֶעס מָאל וֶוען אֵיינֶער אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן דֶעם רֶבִּינְ'ס שְׁמוּעֶסְן, דֶעם רֶבִּינְ'ס חִיזּוּק - אִיז עֶר גֶעוָוארְן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט אִינְגַאנְצְן, עֶר הָאט בַּאקוּמֶען אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אוּן גֶעוָוארְן

אַ גְרוֹיסֶער עֶרְלִיכֶער אִיד; און דָאס זֶעט מֶען נָאךְ בִּיז הַיינְט, וֶוער עֶס אִיז זִיךְ מִתְקָרֵב צוּם רֶבִּי'ן און לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים - וֶוערְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, מֶען וֶוערְט אָנְגֶעפִילְט מִיט אֱמוּנָה, מִיט שִׂמְחָה, מִיט דְבֵיקוּת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנח): "מִיט יֶעדֶע שְׁמוּעֶס וָואס אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיט עֶנְק קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן אֲפִילוּ אַ צַדִיק גָמוּר אַ גַאנְץ לֶעבְּן - אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אַזוֹי וִוי אִיךְ מֵיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד"; נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שָׁם, סִימָן שכ): "וֶוער עֶס וֶועט מִיךְ פָּאלְגְן אוּן טוּן אַלֶעס וָואס אִיךְ הֵייס, וֶועט זִיכֶער וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק - זָאל עֶס זַיין וֶוער עֶס זָאל נָאר זַיין".

דֶערְצֵייל פַּאר אַלֶע דַיינֶע חֲבֵרִים דִי מוֹפֵת, מֶענְטְשְׁן דַארְפְן אַסַאךְ חִיזוּק אִין דֶעם עִנְיָן, סְפֶּעצִיעֶל דִי וָואס מַאכְן חֲתוּנָה וֶוערְן זֵייעֶר צֶעדְרִיקְט פוּן דִי גְרוֹיסֶע הוֹצָאוֹת, און מֶען דַארְף אַסַאךְ חִיזוּק צוּ הָאבְן אֱמוּנָה, גְלֵייבְן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר וֶועט הֶעלְפְן, און הָאבְן אַסַאךְ סַבְלָנוּת אוֹיס צוּ וַוארְטְן דִי יְשׁוּעָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וֶוערְן זַאט מִיט וֵוייניג עֶסְן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שֵׁיינֶע חִיזוּק און עֵצוֹת.

אִיךְ הָאב גֶעוָואלְט פְרֶעגְן, וָואס קֶען אִיךְ טוּן צוּ וֶוערְן זַאט מִיט וֵוייניג עֶסְן?

שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ גֶעב צוּ זֵייגְן, אָבֶּער כִּמְעַט אַ גַאנְצְן טָאג בִּין אִיךְ הוּנְגֶערִיג, אִיךְ עֶנְדִיג עֶסְן פְרִישְׁטָאג אָדֶער אֲפִילוּ אַ שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדָה, אָבֶּער אִיךְ וֶוער נִישְׁט זַאט, וָואס קֶען מֶען טוּן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ (שְׁלַח בא״י), י״ט סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ו

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

יֶעדֶע זַאךְ הָאט זַיין צַייט, אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע וָואס גֶעבְּט צוּ זֵייגְן אוּן אִיז פַארְפָּארֶעט מִיט דִי פִּיצְלֶעךְ קִינְדֶער - דַארְף הָאבְּן כֹּחַ אוּן מֹחַ, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ צוּ זַיין פַארְנוּמֶען מִיט דִי זַאכְן; אֲפִילוּ פוּן דַאוֶוענֶען - וָואס אִיז אַזוֹי הֵיילִיג אוּן אַזוֹי גְרוֹיס, דִי וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף דַאוֶוענֶען - זֶענֶען פְרוֹיעֶן מִיט קְלֵיינֶע קִינְדֶער פָּטוּר, וַוייל דִי מֹחַ אוּן דִי כֹּחַ דַארְף מֶען פַאר דִי פִּיצְלֶעךְ, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז יֶעצְט אִיז נִישְׁט קֵיין צַייט פַאר דִי זַאכְן, פוּן וֵוייניג עֶסְן וְכוּ׳ וְכוּ׳.

מֶען דַארְף זִיךְ בְּעִיקָר פַארְלֵייגְן אוֹיף זַיין פְרֵיילִיךְ, זַיין אִין אַ גוּטֶע גִיסְטֶע, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז זֵייעֶר אָנְגֶעזָאגְט מִיר זָאלְן זַיין פְרֵיילִיךְ, מִיר זָאלְן זִיךְ פַארְלֵייגְן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן אֲפִילוּ זִיךְ מַאכְן פְרֵיילִיךְ; וַוייל דָאס אִיז דִי טְרִיק ווִי אַזוֹי מֶען אִיז מַצְלִיחַ, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה חֵלֶק ב׳, סִימָן א): ״מִי שֶׁהוּא שָׂמֵחַ תָּמִיד, עַל יְדֵי זֶה הוּא מַצְלִיחַ״, וֶוער עֶס אִיז פְרֵיילִיךְ אִיז מַצְלִיחַ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פַארְגֶעסְן אָנְצוּגְרֵייטְן נֶעגְל וַואסֶער

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן הִתְחַזְּקוּת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל גֶעבְּן כֹּחַ פַארְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין.

אִיךְ הֶער בָּרוּךְ הַשֵּׁם אוֹיס דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א נָאךְ פוּן אַלְס בָּחוּר, אִיךְ פְלֶעג כְּסֵדֶר הֶערְן בַּיי דִי שִׁיעוּרִים ווִי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט פַאר דִי

בָּחוּרִים אַז אַלְס בָּחוּר גְרֵייט מֶען אָן אֵיין נֶעגְל וַואסֶער, און נָאךְ דִי חֲתוּנָה גְרֵייט מֶען אָן צְוֵויי, אוֹיךְ פַאר דִי וַוייבּ. בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מַיין וַוייבּ קוּמְט פוּן אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ און זִי פְלֶעגְט זִיךְ אָנְגְרֵייטְן נֶעגְל וַואסֶער אַלְס מֵיידְל, אָבֶער זַייט מִיר הָאבְּן חֲתוּנָה גֶעהַאט גְרֵייט אִיךְ אִיר אָן יֶעדֶע נַאכְט נֶעגְל וַואסֶער.

עֶס אִיז אָבֶער אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פוּן דֶעם אַז מַיין וַוייבּ הָאט כִּמְעַט פַארְגֶעסְן פוּן אָנְגְרֵייטְן נֶעגְל וַואסֶער אַלֵיין, צוּם בֵּיישְׁפִּיל יֶעדֶעס יָאר נָאךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה זָאגְט זִי מִיר אַז זִי הָאט נִישְׁט גֶעדֶענְקְט קֵיין אֵיין נַאכְט אָנְצוּגְרֵייטְן נֶעגְל וַואסֶער, אָדֶער אוֹיבּ מַאכְט זִיךְ אַז אִיךְ בִּין צוּ שְׁטַארְק אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט און אִיךְ בֶּעט אִיר אָנְצוּגְרֵייטְן, וֶועט זִי פַארְגֶעסְן; וָואס זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוֹיף דֶעם?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ (שְׁלַח בא״י), י״ט סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ו

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

ווארוּיל אִיז דִיר אַז דוּ בִּיסְט מַקְפִּיד אוֹיף אָנְגְרֵייטְן נֶעגְל וַואסֶער אֵיידֶער דוּ גֵייסְט שְׁלָאפְן, אַז אִינְדֶערְפְרִי זָאלְסְטוּ זִיךְ קֶענֶען הֵיילִיגְן מִיט אָפְּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער, און זֵייעֶר גוּט טוּסְטוּ אַז דוּ בִּיסְט מְחַזֵּק אִין שְׁטוּבּ דַיין וַוייבּ אַז זִי זָאל זִיךְ אוֹיךְ וַואשְׁן בַּיים בֶּעט נֶעגְל וַואסֶער, וָואס דָאס אִיז אַ יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת אִין אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ.

מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר׳ זוּשָׁא פוּן הַאנִיפָּאלִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן זַיין רֶבִּי דֶער הֵיילִיגֶער מַגִּיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס עֶר הָאט דָאס מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַז מֶען טָאר נִישְׁט אַרָאפְּטְרֶעטְן פוּן בֶּעט בֶּעפָאר מֶען גִיסְט זִיךְ אָפּ נֶעגְל וַואסֶער, און וֶוער עֶס גֵייט אַרָאפּ פוּן בֶּעט אָן נֶעגְל וַואסֶער אוֹיף אִים אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דֶער פָּסוּק (תְּהִלִּים לו, ה): ״יִתְיַצֵּב עַל דֶּרֶךְ לֹא טוֹב, רָע לֹא יִמְאָס״, דָאס שְׁלֶעכְטְס וֶועט אִים נָאכְלוֹיפְן אַ גַאנְצְן טָאג.

זַיי מְחַזֵּק דַיין וַוייבּ זִי זָאל זַיין שְׁטַארְק מִיט נֶעגְל וַואסֶער, אַזוֹי וֶועט אִיר

זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער. מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט, אַמָאל אִיז אַ פְּרוֹי גֶעקוּמֶען צוּם גְרוֹיסְן גָאוֹן דֶער סְטֵייפְּלֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, זִי הָאט גֶעוֵויינְט אַז אִירֶע קִינְדֶער פַאלְן אַוֶועק פוּן אִידִישְׁקֵייט, אוּן מַמָשׁ יֶעצְט הָאט אִיר זוּן זִיךְ אָפְּגֶעשְׁנִיטְן דִי פֵּיאוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלָן, הָאט דֶער סְטֵייפְּלֶער גָאוֹן אִיר גֶעפְרֶעגְט: "אִיר גִיסְט זִיךְ אָפּ נֶעגְל וַואסֶער אִינְדֶערפְרִי?" דִי פְּרוֹי אִיז רוֹיט גֶעוָוארְן פַאר בּוּשָׁה אוּן מוֹדֶה גֶעוֶוען אַז זִי גִיסְט זִיךְ נִישְׁט אָפּ קֵיין נֶעגְל וַואסֶער, הָאט דֶער סְטֵייפְּלֶער גָאוֹן אִיר גֶעזָאגְט: "וָואס ווִילְט אִיר פוּן מִיר? אַז מֶען גִיסְט נִישְׁט אָפּ נֶעגְל וַואסֶער בְּלַייבְּט דִי טוּמְאָה אוֹיף דִי הֶענְט; וָואס מֶען כַאפְּט אָן וֶוערְט טָמֵא, מִמֵילָא אִיז דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ פוּל מִיט אַ רוּחַ טוּמְאָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן, וָואס קֶען אִיךְ אַייךְ טוּן אַז אִיר אַלֵיינְס הָאט גוֹרֵם גֶעוֶוען דִי צָרוֹת?" זֶעט מֶען וָואס פַּאסִירְט וֶוען מֶען גִיסְט זִיךְ נִישְׁט אָפּ נֶעגְל וַואסֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פַארְוָואס בִּין אִיךְ נִישְׁט מַצְלִיחַ אִין פַּרְנָסָה?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וֵויס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, שׁוֹין בְּעֶרֶךְ צְווֵיי חֳדָשִׁים וָואס אִיךְ בִּין כִּמְעַט נִישְׁט מַצְלִיחַ מִיט מַיין פַּרְנָסָה, אֶפְשָׁר זָאל אִיךְ אָפְּלָאזְן דִי פַּרְנָסָה? אִיךְ פַאל אַרַיין נָאר מֶער אוּן מֶער אִין חוֹבוֹת צוּלִיבּ זַאכְן וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין בְּרֵירָה.

עֶס לִיגְן שְׁטֶעקְן גֶעלְט וָואס גֶעהֶערְט פַאר מִיר בַּיי מֶענְטְשְׁן וָואס שְׁלֶעפְּן מִיךְ אַ גַאנְצְן צַייט אַרוּם, אוֹיךְ פוּן מַיין אַלְטֶע אַרְבֶּעט אִיז מֶען מִיר שׁוּלְדִיג אַ גְרוֹיסֶע סְכוּם גֶעלְט, עֶס קֶען זַיין אַז וַוייל אִיךְ הָאבּ אִים שְׁטַארְק צוּגֶעדְרוּקְט צוּ בַּאקוּמֶען דִי גֶעלְט, הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען אַן עוֹנֶשׁ אַז עֶס הָאט זִיךְ מִיר פַארְמַאכְט דִי שֶׁפַע? אֶפְשָׁר דַארְף אִיךְ עֶפֶּעס תְּשׁוּבָה טוּן? אִיךְ וָואלְט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵייט אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִיר מַדְרִיךְ זַיין וָואס צוּ טוּן, אַז אִיךְ זָאל אַרוֹיסְזֶען פוּן מַיין פְּלָאנְטֶער.

יְיִשַׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ (שְׁלַח בא"י), י"ט סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

הַדָּבָר הָרִאשׁוֹן פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן, דוּ וֶועסְט נָאךְ אַרוֹיס גֵיין פוּן אַלֶע דַיינֶע חוֹבוֹת, דוּ דַארְפְסְט זִיךְ נָאר דֶערְהַאלְטְן, נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְן, נִישְׁט לָאזְן דִי עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה דִיךְ פַארְכַאפְּן.

דִי וֶועג פַאר הַצְלָחָה אִין פַּרְנָסָה - אִיז צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, מוֹהֲרַאָ"שׁ זָאגְט נָאךְ פוּן צַדִּיקִים, עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (דְבָרִים טז, טו): "וְהָיִיתָ אַךְ שָׂמֵחַ", אוּן דוּ זָאלְסְט זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ; דִי סוֹפֵי תֵּיבוֹת פוּן: וְהָיִיתָ' אַךְ' שָׂמֵחַ' אִיז דֶער שֵׁם "חַתָּ"ךְ", דִי שֵׁם פוּן פַּרְנָסָה; וַוייל שִׂמְחָה אִיז מְסוּגָל פַאר פַּרְנָסָה.

לָאז דִיךְ נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן פוּן קֵיין שׁוּם זַאךְ, אוּן לָאז נִישְׁט דִי עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה דִיךְ אִיבֶּערְנֶעמֶען, וַוייל דַיין הַצְלָחָה אִיז גֶעוָואנְדְן אִין דִיר, אִין דַיין מַצָּב רוּחַ; אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זַיין פְרֵיילִיךְ וֶועסְטוּ זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין, אוּן חַס וְשָׁלוֹם אַז דוּ וֶועסְט לָאזְן דִי עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה בַּיי דִיר - וֶועסְטוּ אַלֶעס פַארְלִירְן חַס וְשָׁלוֹם, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה חֵלֶק ב, סִימָן א): "מִי שֶׁהוּא שָׂמֵחַ תָּמִיד, עַל יְדֵי זֶה הוּא מַצְלִיחַ", דֶער וָואס אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ - אִיז שְׁטֶענְדִיג מַצְלִיחַ.

עֶס אִיז נִישְׁט גְרִינְג צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, עֶס אִיז גָאר אַ שְׁוֶועֶרֶע עֲבוֹדָה. מוֹהֲרַאָ"שׁ זָאגְט, עֶס אִיז גְרִינְגֶער צוּ פַאסְטְן אוּן טוּן סִיגוּפִים - וִוי זַיין פְרֵיילִיךְ; וַוייל דִי נַאטוּר אִיז - צוּ זַיין טְרוֹיעֶרִיג, אוֹיף יֶעדְן מֶענְטְשׁ גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶועריקֵייטְן אִין לֶעבְּן, אוּן דָאס שְׁלֶעפְּט אִים אַרָאפּ אִין דַאֲגוֹת אוּן אִין מָרָה שְׁחוֹרָה. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן כד): "כִּי טֶבַע הָאָדָם לִמְשֹׁךְ עַצְמוֹ לְמָרָה שְׁחֹרָה וְעַצְבוּת מֵחֲמַת פִּגְעֵי וּמִקְרֵי הַזְּמַן, וְכָל אָדָם מָלֵא יִסּוּרִים", יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט זִיךְ דַיינֶע שְׁוֶועריקֵייטְן אִין לֶעבְּן וָואס מַאכְט אִים דֶערְבִּיטֶערְט אוּן צוּגֶעלֵייגְט, "עַל כֵּן צָרִיךְ לְהַכְרִיחַ אֶת עַצְמוֹ בְּכֹחַ גָּדוֹל לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד, וּלְשַׂמֵּחַ אֶת עַצְמוֹ בְּכָל אֲשֶׁר יוּכַל וַאֲפִילוּ

**בְּמִלֵּי דִשְׁטוּתָא", און מֶען דַארְף פְּרוּבִירְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ; מֶען דַארְף זִיךְ פְרֵיילִיךְ מַאכְן מִיט וָואס מֶען קֶען - אֲפִילוּ מִיט נַארִישְׁקֵייטְן.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**...**

## אוֹיסְזָאגְן אַלֶעס פִּינְקְטְלִיךְ פַאְרן אֵייבֶּערְשְׁטְן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שֵׁיינֶע שִׁיעוּרִים און בְּרִיוְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ בַּאצָאלְן בְּכָל מִילֵּי דְּמֵיטָב.

אִיךְ הָאב לֶעצְטְנְס גֶעהֶערְט אַ שִׁיעוּר ווי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז וֶוען מֶען טוּט תְּשׁוּבָה בַּיי הִתְבּוֹדְדוּת, זָאל מֶען אַרוֹיסְזָאגְן אַלֶעס וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן, גֶעקוּקְט, גֶעטְרַאכְט, און אַזוֹי וַוייטֶער, ווייל דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז דִי עֲבֵירוֹת וֶוערְן אַריינְגֶעקְרִיצְט אִין דִי בֵּיינֶער און עֶס גֵייט אַרוֹיס נָאר וֶוען מֶען זָאגְט עֶס אַרוֹיס מִיטְן מוֹיל פַאְרן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן אוֹיף דֶעם, אַז אַסַאךְ מָאל הֵייבּ אִיךְ אָן דֶערְצֵיילְן פַאְרן אֵייבֶּערְשְׁטְן זַאכְן וָואס אִיךְ הָאב לֵיידֶער גֶעקוּקְט, און אִיךְ הֵייבּ אָן זָאגְן מִיט פִילֶע פְּרָטִים וָואס און וֶוען, און עֶס הֵייבְּט מִיר אָן צוּרִיק קוּמֶען שְׁלֶעכְטֶע נִישְׁט רֵיינֶע זַאכְן אִין מֹחַ; אִיז דָאס אַ חֵלֶק פוּן דִי תְּשׁוּבָה? אָדֶער אֶפְשָׁר זָאל אִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְזָאגְן פִּינְקְטְלִיךְ וָואס אִיךְ הָאב גֶעקוּקְט, נָאר בֶּעטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל מִיר מוֹחֵל זַיין בִּכְלָלִיּוּת פַאר אַלֶע זַאכְן וָואס אִיךְ הָאב גֶעקוּקְט?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ (שְׁלַח בא"י), י"ט סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן**

**... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**דֶער הֵיילִיגֶער רַמְבַּ"ם פַּסְקְ'נְט** (פֶּרֶק א מֵהִלְכוֹת תְּשׁוּבָה, הֲלָכָה א)**, אוֹיבּ מֶען הָאט**

עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף אֵיינֶע פוּן דִי מִצְוֹת פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, סַיי בְּשׁוֹגֵג סַיי בְּמֵזִיד; וֶוען מֶען טוּט תְּשׁוּבָה - דַארְף מֶען זִיךְ מִתְוַדֶה זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵיילְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן, מֶען זָאל זָאגְן: "אָנָּא הַשֵּׁם, חָטָאתִי עָוִיתִי פָּשַׁעְתִּי לְפָנֶיךָ, וְעָשִׂיתִי כָּךְ וָכָךְ, וַהֲרֵי נִחַמְתִּי וּבוֹשְׁתִּי בְּמַעֲשַׂי, וּלְעוֹלָם אֵינִי חוֹזֵר לְדָבָר זֶה", אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט פַאר דִיר, אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן דִי אוּן דִי עֲבֵירָה (אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן), אוּן אִיךְ הָאבּ חֲרָטָה אוֹיף וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן, אִיךְ שֶׁעם זִיךְ מִיט מַיינֶע מַעֲשִׂים וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן, אִיךְ נֶעם זִיךְ פָּאר אַז אִיךְ גֵיי עֶס מֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט טוּן; דָאס אִיז וִידּוּי, אוּן דֶער רַמְבַּ"ם פִּירְט אוֹיס: "וְכָל הַמַּרְבֶּה לְהִתְוַדּוֹת וּמַאֲרִיךְ בְּעִנְיָן זֶה", וֶוער עֶס פַארְמֶערְט זִיךְ מִתְוַדֶה צוּ זַיין פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן - "הֲרֵי זֶה מְשֻׁבָּח", דֶער אִיז גֶעלוֹיבְּט.

דֶערְצֵייל אַלֶעס פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, נִישְׁטָא קֵיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ וִוי וֶוען מֶען קוּמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען בַּאהַאלְט גָארְנִישְׁט, מֶען קוּמְט מִיט אַן אֱמֶת, מֶען דֶערְצֵיילְט אַלֶעס. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תּוֹרַת כֹּהֲנִים בְּחוּקוֹתַי, פֶּרֶק ח): "מִיָּד שֶׁהֵם מִתְוַדִּים עַל עֲוֹנוֹתֵיהֶם, מִיָּד אֲנִי חוֹזֵר וּמְרַחֵם עֲלֵיהֶם", גְלַייךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְוַדֶה פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רַחְמָנוּת אוֹיף אִים אוּן נֶעמְט אִים צוּרִיק צוּ אִים.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דִי עֵצָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן פוּן גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת, הֵייבּ אָן מִיט דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁפֶּעטֶער זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְוַדֶה זַיין, דֶערְצֵייל אַלֶעס, אַזוֹי וֶועלְן דִי עֲבֵירוֹת אַרוֹיסְגֵיין פוּן דַיינֶע בֵּיינֶער. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (תַּנָּא דְּבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה, ד), "אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: "אִם אָדָם עוֹבֵר עֲבֵירָה לְפָנַי, אִם חוֹזֵר וְעוֹשֶׂה תְּשׁוּבָה", אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעזִינְדִיגְט, אוֹיבּ הָאט עֶר חֲרָטָה אוֹיף וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן אוּן עֶר טוּט תְּשׁוּבָה - "הֲרֵי אֲנִי עִמּוֹ בְּרַחֲמִים וַאֲנִי מְקַבֵּל אֶת תְּשׁוּבָתוֹ", נֶעם אִיךְ אִים צוּרִיק, אִיךְ נֶעם אָן זַיין תְּשׁוּבָה, "וְאֵין אֲנִי זוֹכֵר לוֹ אֲפִילוּ מִקְצָת עֲוֹנוֹתָיו", אוּן אִיךְ וֶועל נִישְׁט דֶערְמַאנֶען קֵיין אֵיין עֲבֵירָה; אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער (שָׁם, פֶּרֶק ו): "בָּנַי, אֲנִי אָמַרְתִּי לָכֶם אֵין חֶפְצִי אֶלָּא בִּבְרָכָה וּבְמִי שֶׁאֵין בּוֹ עֲבֵרוֹת", אִיךְ הָאבּ עֶנְק גֶעזָאגְט אִיךְ וִויל נָאר דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן

נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט, "וְחָזַרְתִּי בּוֹ בִּדְבָרַי", יֶעצְט צִי אִיךְ צוּרִיק, "אֲפִלּוּ יַעֲשֶׂה אָדָם מֵאָה עֲבֵרוֹת זוֹ לְמַעְלָה מִזּוֹ", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וֶועט טוּן הוּנְדֶערְט עֲבֵירוֹת אֵיינְס נָאכְן צְוֵוייטְן, "וְיַחֲזֹר וְיַעֲשֶׂה תְּשׁוּבָה", אוֹיבּ וֶועט עֶר חֲרָטָה הָאבְּן, עֶר וֶועט תְּשׁוּבָה טוּן, "וְיַשְׁפִּיל אֶת עַצְמוֹ לָאָרֶץ, וְיִרְאֶה אֶת עַצְמוֹ כְּאִלּוּ הוּא חֶצְיוֹ זַכַּאי וְחֶצְיוֹ חַיָּב, וְיִרְאֶה אֶת עַצְמוֹ כְּאִלּוּ חַיָּב בְּאָשָׁם תָּלוּי בְּכָל יוֹם", עֶר וֶועט שְׁטֶענְדִיג טְרַאכְטְן: 'אִיךְ דַארְף נָאךְ תְּשׁוּבָה טוּן' - "הֲרֵינִי עִמּוֹ בְּרַחֲמִים וּמְקַבְּלוֹ בִּתְשׁוּבָה", וֶועל אִיךְ זִיךְ פִירְן מִיט אִים מִיט רַחְמָנוּת, אִיךְ וֶועל אָנְנֶעמֶען זַיין תְּשׁוּבָה, "וְאֶתֵּן לוֹ בָּנִים שֶׁל בַּעֲלֵי קוֹמָה וְעוֹסְקֵי בַּתּוֹרָה וּמְקַיְּמֵי מִצְוֹת", אוּן אִיךְ וֶועל אִים גֶעבְּן קִינְדֶער צַדִּיקִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי אוֹיפְפִירוּנְג אִין מַיין פַאמִילְיֶע אִיז אוֹיסְגֶעהַאלְטְן?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ אַבִּיסְל אַ הַייקֶעלֶע שְׁאֵלָה צוּ פְרֶעגְן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט וֶועם דָאס צוּ פְרֶעגְן, אוּן אִיךְ מֵיין אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיז דִי רִיכְטִיגֶע אַדְרֶעס וואוּ דָאס צוּ פְרֶעגְן.

אִיךְ הָאבּ בְּרֹב רַחֲמָיו וַחֲסָדָיו פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן חַתּוּנָה גֶעמַאכְט צְוֵויי טֶעכְטֶער אִין וֵוייניגֶער פוּן אַ יָאר, בָּרוּךְ הַשֵּׁם זֵייעֶר פֵיינֶע שִׁידוּכִים, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער לֶעצְטְנְס בַּאקוּמֶען עֶפֶּעס אַזַא גֶעפִיל אַז עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַ שְׁטִילֶע קִנְאָה צְווִישְׁן זֵיי בֵּיידֶע, אִיךְ קֶען עֶס עֶפֶּעס נִישְׁט אָנְטַאפְּן פִּינְקְטְלִיךְ, אָבֶּער אַזוֹי שְׁפִּיר אִיךְ.

עֶס זֶעט מִיר אוֹיס ווִי זֵיי פְּרוּבִּירְן זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אַהֶערְצוּשְׁטֶעלְן, אָדֶער צוּ אוֹיסְשְׁטֶעכְן דִי אוֹיגְן, אִיךְ וֵוייס אוֹיךְ נִישְׁט פִּינְקְטְלִיךְ וָואס, אִיךְ הָאף אַז אִיךְ בִּין זִיךְ גוּט מַסְבִּיר; דֶער פְּרוּבִּירְט צוּ כַאפְּן יֶענֶעמְ'ס אוֹיג, אוּן דֶער אַנְדֶערֶער פַארְקֶערְט, אוּן אִיךְ הָאבּ מוֹרָא אַז עֶס גֵייט צְווִישְׁן דִי מֶענֶער, דֶער שְׁלֶעפְּט זַיין וַוייבּ אַהֶער אוּן דֶער אַהִין, כְּאִילוּ צוּ זַיין מֶער אַהֶערְגֶעשְׁטֶעלְט.

אִיךְ גֶעדֶענְק פוּן אַלְס אִינְגֶערְמַאן וֶוען אִיךְ הָאבּ מִיטְגֶעהַאלְטְן אַזַא עֶנְלִיכֶע מַעֲשֶׂה

מִיט אַ מִשְׁפָּחָה מַיינֶע, אוּן צוּם סוֹף הָאט זִיךְ עֶס גֶעעֶנְדִיגְט זֵייעֶר שְׁלֶעכְט, בֵּיידֶע הָאבְּן נֶעבֶּעךְ גֶעדַארְפְט זִיךְ גֶט'ן רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

אִיז דָא עֶפֶּעס וָואס אִיךְ קֶען טוּן דָאס אָפְּצוּשְׁטֶעלְן, אָדֶער בִּכְלַל צוּ אוֹיסְגֶעפִינֶען אוֹיב דָאס אִיז וָואר, אָדֶער גָאר אַ דִמְיוֹן אוּן אַזוֹי אִיז עֶס בַּיי דִי יוּנְגֶע?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ (שְׁלַח בא"י), י"ט סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דָאס בֶּעסְטֶע וָואלְט גֶעוֶוען אַז דוּ זָאלְסְט דָאס דוּרְכְשְׁמוּעֶסְן פֶּערְזֶענְלִיךְ מִיט דַיין רֶבִּי, דַיין מוֹרֶה דֶרֶךְ, אוּן עֶר וֶועט דִיךְ הֶעלְפְן מִיט דֶעם.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ חֲתוּנָה מַאכְן דַיינֶע קִינְדֶער, אִין אֵיין יָאר הָאסְטוּ חֲתוּנָה גֶעמַאכְט צְוֵויי קִינְדֶער; דָאס אִיז דָאךְ דִי גְרֶעסְטֶע רַייכְטוּם.

דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וִוי מֶער מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אַלְץ מֶער עֶפְנְט זִיךְ אִין הִימְל אַ טִיר פַאר יְשׁוּעוֹת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט, וֶוען מֶען דַאנְקְט אוּן מֶען לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער כִּבְיָכוֹל אִין הִימְל פַאר דִי מַלְאָכִים: "קוּקְט דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶר דַאנְקְט מִיר אוּן עֶר לוֹיבְּט מִיר, אִיךְ וֶועל אִים גֶעבְּן אַזוֹיפִיל גוּטְס, אַסַאךְ מֶער וִויפִיל עֶר הָאט, אַסַאךְ מֶער וִויפִיל עֶס קוּמְט אִים, עֶר זָאל מִיר נָאךְ מֶער דַאנְקֶען", אוּן אַזוֹי זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי חֲסָדִים, עֶר דֶערְצֵיילְט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם דִי נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אִים - וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְן נָאךְ נִיסִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**וָואס אִינְטֶערֶעסִירְט אַייךְ וָואס אַנְדֶערֶע טְרַאכְטְן?**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ (שְׁלַח בא״י), ט״ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ו**

**... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס אִיז דֶען אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ אַז דֶער רָב הָאט אַייךְ גֶע׳פַּסְקְ׳נְט צוּ וַוארְטְן אַבִּיסְל וְכוּ׳? וָואס אִיז דָאס אַז אִיר קְלַאפְּט זִיךְ אַזוֹי? וָואס אִיז דָאס אַז אִיר זֶענְט אוֹיסֶער זִיךְ? יֶעדֶע זַאךְ הָאט זַיין צַייט אוּן יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַן אַנְדֶערֶע פַּרְשָׁה, אַזוֹי וִוי דֶער תַּם הָאט גֶעזָאגְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ט׳, מֵחָכָם וְתַּם): ״דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה אוּן דָאס אִיז יֶענֶעמְ׳ס מַעֲשֶׂה, אוּן וָואס דַארְף מֶען בִּכְלַל קוּקְן אוּן רֶעדְן פוּן אַנְדֶערֶע?״

וָואס קְלַאפְּט אִיר זִיךְ? אִיר זֶענְט גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, אוּן אֲפִילוּ מֶען אִיז גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק דַארְף מֶען פָאלְגְן דֶעם רָב אוּן דֶעם דַיָּין אוּן טוּן וָואס זֵיי זָאגְן.

אִיר שְׁרַייבְּט אַז אִיר שְׁפִּירְט זִיךְ אַרָאפְּגֶעקוּקְט וְכוּ׳; אִיךְ ווִיל אַייךְ פְרֶעגְן, וָואס אִינְטֶערֶעסִירְט אַייךְ וָואס אַנְדֶערֶע טְרַאכְטְן אוֹיף אַייךְ? וָואס אִינְטֶערֶעסִירְט אַייךְ וָואס מֶען זָאגְט אוֹיף אַייךְ? אַ אִיד דַארְף נָאר קוּקְן וָואס מֶען זָאגְט אִין הִימְל אוֹיף אִים, אוּן אַז מֶען הָאט אַ מוֹרֶה דֶרֶךְ, מֶען פְרֶעגְט אַ רָב, אַ דַיָּין - דַארְף מֶען זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט צוּ טוּן מַאכְן פוּן קֵיינֶעם.

טוּט אַלֶעס צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט זַיין פְרֵיילִיךְ, בֶּעטְס דִי תְּפִלָּה יֶעדְן טָאג, אוּן אַפָּאר מָאל אַ טָאג:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיךְ אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, אִיךְ זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן אַז אִיךְ בִּין אַ אִיד, אִיךְ זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט קֵיין גוֹי. הֶעלְף מִיךְ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ זָאל אַרוֹיסְגֵיין פוּן מַיין עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, נֶעם עֶס אַוֶועק פוּן מִיר, הֶעלְף מִיךְ אִיךְ זָאל זַיין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז אִיךְ זָאל פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן יֶעדֶער אֵיינֶער אַרוּם מִיר זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיךְ אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען אַז דוּ פִירְסְט דִי וֶועלְט מִיט אַ הַשְׁגָחָה פְּרָטִית. אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ קְלָארֶע לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה, אִיךְ זָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן דִיר קֵיין אֵיין רֶגַע. אִיךְ זָאל נִישְׁט קֵיינֶעם חַנְפְ'עֶנֶען אוּן נִישְׁט פוּן קֵיינֶעם מוֹרָא הָאבְּן. עֶס זָאל מִיר נִישְׁט אָנְגֵיין וָואס אַנְדֶערֶע טְרַאכְטְן אוּן זָאגְן וֶועגְן מִיר, אִיךְ זָאל נָאר וֶועלְן גֶעפֶעלְן פַאר דִיר, הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת אַלֶע צַדִיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶועזְן פַאר דִיר, אָמֵן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נִישְׁט שְׁלָאגְן, שְׁטוּפְּן, צִיפְּן, שְׁטוּיסְן - אַ צְוֵוייטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ (שְׁלַח בא"י), י"ח סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד דִי חָשׁוּבְ'עֶ קִינְדֶער פוּן דִי עֶלְטְסְטֶע כִּתָּה אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען עֶנְקֶער שֵׁיינֶער גִּלְיוֹן "גִּלְיוֹן לֵיין", אִיךְ וִויל עֶנְק שְׁרַייבְּן אַפָּאר וֶוערְטֶער עֶנְק זָאלְן דָאס אַרַיינְלֵייגְן אִינֶעם גִּלְיוֹן.

מַיינֶע טַייעֶרֶע קִינְדֶער, אִיךְ וִויל עֶנְק מְחַזֵק זַיין עֶנְק זָאלְן נִישְׁט וֵויי טוּן קֵיינֶעם, עֶנְק זָאלְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אַ צְוֵוייטֶער קִינְד, קֵיינְמָאל זָאלְן עֶנְק נִישְׁט שְׁלָאגְן, שְׁטוּפְּן, צִיפְּן, שְׁטוּיסְן - אַ צְוֵוייטְן. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סַנְהֶדְרִין נח:), אוֹיבּ מֶען שְׁלָאגְט אַ אִיד - אִיז דָאס אַזוֹי וִוי מֶען שְׁלָאגְט כִּבְיָכוֹל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

קֵיינְמָאל זָאלְן עֶנְק נִישְׁט אַנְטֵייל נֶעמֶען אִין פַארְשֶׁעמֶען אַ צְוֵויטֶער קִינְד, אֲפִילוּ לְשֵׁם שָׁמַיִם, אֲפִילוּ מֶען וֶועט עֶנְק אַיינְרֶעדְן אַז עֶס אִיז אַ מִצְוָה - זָאלְן עֶנְק אַנְטְלוֹיפְן פוּן דִי מִצְווֹת, עֶנְק זָאלְן לָאזְן אַנְדֶערֶע דָאס טוּן, עֶנְק זָאלְן נָאר זוּכְן וִוי מֶען קֶען מַאכְן גוּט פַאר אַנְדֶערֶע.

מַיינֶע טַייעֶרֶע קִינְדֶער, אוֹיב עֶנְק הָאבְּן אַמָאל גֶעהַאט אַ מַחֲלֹקֶת מִיט אַ קִינְד, אֵיינֶער הָאט עֶנְק וֵויי גֶעטוּן - זָאלְן עֶנְק נִישְׁט הַאלְטְן אַ פַּיינְטְשַׁאפְט אוֹיף יֶענֶעם, עֶנְק זָאלְן מוֹחֵל זַיין; אַזוֹי וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער עֶנְק מוֹחֵל זַיין.

אִיךְ וִויל בֶּעטְן פוּן אַלֶע קִינְדֶער, שְׁרַייבְּט מִיר בְּרִיוְון, אִיךְ וִויל הָאבְּן אַ פְּרִיוַואטֶע נָאנְטֶע קֶשֶׁר מִיט עֶנְק אַלֶע, דוּרְךְ בְּרִיוְון קֶען מֶען הָאבְּן אַ גוּטֶע קֶשֶׁר, אוּן בְּלִי נֶדֶר וֶועל אִיךְ עֶנְק צוּרִיק שְׁרַייבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶנְק זָאלְן הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מַאךְ זִיךְ נִישְׁט צוּטוּן פוּן לֵצִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ (שְׁלַח בא"י), י"ח סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, בֵּית שֶׁמֶשׁ**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מַאךְ זִיךְ נִישְׁט צוּטוּן פוּן דִי לֵצִים; אַז דוּ הֶערְסְט לֵיצָנוּת אוֹיף בְּרֶסְלֶב זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל נִישְׁט אַרַיין גֵיין אִין דִיר, פְּרוּבִּיר אַוֶועק צוּ גֵיין פוּן דִי סָארְט שְׁמוּעֶסְן, אוּן אוֹיב עֶס זֶענֶען נָאנְטֶע קְרוֹבִים, נָאנְטֶע מִשְׁפָּחָה, וָואס מֶען קֶען נִישְׁט אַוֶועק גֵיין, אוּן זֵיי מַאכְן גֶעשְׁפֶּעט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן פוּן רֶבִּינְ'ס תַּלְמִידִים - זָאלְסְטוּ טְרַאכְטְן וָואס אִיז גֶעוֶוען מִיט אַלֶע אַנְדֶערֶע צַדִּיקִים; פוּן אַלֶע צַדִּיקִים הָאט מֶען גֶעשְׁפֶּעט, מֶען הָאט לֵיצָנוּת גֶעמַאכְט פוּן אַלֶע צַדִּיקִים; פוּן דִי אָבוֹת הַקְּדוֹשִׁים, פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, דָוִד הַמֶּלֶךְ, אוּן פוּן אַלֶע צַדִּיקִים הָאט מֶען גֶעשְׁפֶּעט; נָאר נָאכְדֶעם וָואס זֵיי

זֶענֶען נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן פוּן דִי וֶועלְט הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט דִי לֵיצָנוּת, אַנְדֶערְשׁ אִיז בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס אֲפִילוּ מֶען הַאלְט שׁוֹין אִיבֶּער צְוֵויי הוּנְדֶערְט יָאר פוּן זַיין הִסְתַּלְקוּת שְׁפֶּעט מֶען אוּן מֶען מַאכְט לֵיצָנוּת; דָאס אִיז וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט קְלָאר גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן מו): "שֶׁהָיוּ כַּמָּה גְּדוֹלִים שֶׁכָּל אֶחָד עָשָׂה וְתִקֵּן מַה שֶּׁתִּקֵּן וְאַחַר כָּךְ נִפְסַק", עֶס זֶענֶען גֶעוֶועןן אַסַאךְ צַדִּיקִים וָואס וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעלֶעבְּט הָאבְּן זֵיי גֶעטוּן אוּן מְתַקֵּן גֶעוֶועןן וָואס זֵיי הָאבְּן מְתַקֵּן גֶעוֶועןן, אָבֶּער נָאכְדֶעם הָאט זִיךְ אַלֶעס אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט, "אֲבָל אָנוּ צְרִיכִים לַעֲשׂוֹת דָּבָר שֶׁלֹּא יֻפְסַק לְעוֹלָם", אָבֶּער אִיךְ ווִיל מַאכְן אַ זַאךְ וָואס עֶס זָאל זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן, דִי תַּלְמִידִים זָאלְן מַאכְן נָאךְ תַּלְמִידִים, אוּן דִי זָאלְן מַאכְן נָאךְ תַּלְמִידִים, "וְכֵן לְעוֹלָם", אוּן אַזוֹי זָאל עֶס בְּלַייבְּן אוֹיף אֵייבִּיג; נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שָׁם, סִימָן שו): "מַיין פַייעֶרְל וֶועט שׁוֹין טְלִיעֶן אוּן בְּרֶענֶען בִּיז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען"; אוּן דֶערִיבֶּער אִיז דִי הִתְנַגְּדוּת נָאכְגֶעלָאזְט דָא.

נֶעם זִיךְ פָּאר לְכָבוֹד דַיין גֶעבּוּרְטְס טָאג נִישְׁט אַרוֹיס צוּ קוּקְן פוּן סִידוּר וֶוען דוּ דַאוֶוענְסְט שְׁטִילֶע שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִין בֵּית פֵּיגָא רֶעדְט מֶען נָאר אִידִישׁ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת בְּהַעֲלֹתְךָ (שְׁלַח בא"י), י"ט סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ', תַּלְמִידַת בֵּית פֵּיגָא בֵּית שֶׁמֶשׁ**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

זֵייעֶר גוּט אַז אִיר מִיט אַייעֶר שְׁוֶועסְטֶער נֶעמֶען נִישְׁט קֵיין בִּיכְלֶעךְ פוּן אַנְדֶערֶע מֵיידְלֶעךְ; מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן וָואס פַאר אַ בִּיכְלֶעךְ מֶען לֵיינְט, נִישְׁט נֶעמֶען קֵיין בִּיכְלֶעךְ פוּן חַבֶרְ'טֶעס, וַוייל עֶס זֶענֶען דָא שֶׁעדְלִיכֶע בִּיכְלֶעךְ וָואס אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה צוּ לֵיינֶען.

רֶעדְט נָאר אִידִישׁ, רֶעדְט נִישְׁט הֶעבְרֶעאִישׁ; דֶער וָואס הָאט גֶעמַאכְט דִי שְׁפְּרַאךְ אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער אַפִּיקוֹרֶס, עֶר הָאט דָאס גֶעמַאכְט מִיטְן צִיל אוֹיסְצוּוַרייסְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער פוּן דִי תּוֹרָה; אִיךְ ווִיל נִישְׁט מֶען זָאל רֶעדְן בַּיי מִיר אִין שׁוּלֶע הֶעבְרֶעאִישׁ, אִין בֵּית פֵּיגָא רֶעדְט מֶען נָאר אִידִישׁ.

זָאגְט יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים, אוּן גָאר גוּט וֶועט זַיין אַז אִיר וֶועט יֶעדֶע וָואךְ עֶנְדִיגְן סֵפֶר תְּהִלִּים. תְּהִלִּים אִיז אַיינְגֶעטֵיילְט אוֹיף זִיבְּן, עֶס צוּ זָאגְן דִי זִיבְּן טֶעג פוּן דִי וָואךְ, אוּן אַז מֶען קוּמְט נִישְׁט אָן צוּ זָאגְן פִּינְקְטְלִיךְ דֶעם יוֹם תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג זָאל מֶען עֶס עֶנְדִיגְן אִין דִי וָואךְ.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; פַארְמַאכְט דִי אוֹיגְן אוּן רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּ אִים אַזוֹי ווִי אִיר רֶעדְט צוּ אַ גוּטֶע חַבֶר׳טֶע, אָדֶער ווִי אִיר רֶעדְט צוּ אַייעֶר טַאטֶע אָדֶער מַאמֶע. שְׁמוּעֶסְט אוֹיס אַייעֶר הַארְץ, דֶערְצֵיילְט אִים אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אַייךְ, אוּן בֶּעטְס אִיר זָאלְט טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

גֶעבְּט אַ גְרוּס פַאר אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, אִיר הָאט זֵייעֶר טַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, אִיךְ בִּין זֵייעֶר נָאנְט מִיט זֵיי, זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר טַייעֶר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דַיין טַאטֶע שֶׁעפְּט נַחַת פוּן דִיר

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ (שְׁלַח בא״י), י״ט סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ו

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ לֶעצְטְנְס גֶעטְרָאפְן אַפָּאר מָאל דַיין טַאטֶע נֵרוֹ יָאִיר, אוּן מִיט טְרֶערְן אִין דִי אוֹיגְן הָאט עֶר מִיר גֶעזָאגְט אַז דוּ מִיט דַיין מִשְׁפָּחָה אִיז דַיין גְרֶעסְטֶע נַחַת, אוּן עֶר דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ בִּיסְט אָנְגֶעקוּמֶען קַיין בְּרֶסְלֶב, בִּיסְט מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, עֶר הָאט מִיר גֶעדְרִיקְט מַיין הַאנְט מִיט אַזַא שְׁטַארְקֶע לִיבְשַׁאפְט, אוּן מִיךְ מְחַזֵק גֶעוֶוען אָנְצוּגֵיין וַוייטֶער מִיט מְחַזֵק זַיין דִי קְהִילָה.

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, נִישְׁטָא קֵיין גְרֶעסֶערֶע הֲפָּצָה, נִישְׁטָא קֵיין גְרֶעסֶערֶע וֶועג שַׁיין צוּ מַאכְן דֶעם רֶבִּינְ'ס נָאמֶען - וִוי וֶוען קִינְדֶער פִירְן אַ שַׁיינֶע שְׁטוּב, אַ פְרֵיילִיכֶע גֶעזוּנְטֶע שְׁטוּב, אוּן דִי עֶלְטֶערְן קוּקְן אוּן זֶעעֶן דִי שַׁיינֶע נַחַת אוּן זָאגְן בְּפֶה מָלֵא אַז דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶ קִינְדֶער זֶענֶען זֵיי אַזוֹי שַׁיין מְכַבֵּד, אוּן דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶ קִינְדֶער זֶענֶען אַזוֹי דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג.

אַמָאל דַארְף מֶען וַוארְטְן אַפָּאר יָאר, אַמָאל גֵייט עֶס שְׁנֶעלֶער אוּן אַמָאל נֶעמְט עֶס לֶענְגֶער, אָבֶער בַּיים סוֹף עֶנְדִיגְט זִיךְ דָאס. אַזוֹי וִוי בַּיי מוֹהֲרַנַ"תְ, וָואס זַיין טַאטֶע הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט רֶעדְן מִיט אִים, אוּן בַּיים סוֹף הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: "דוּ בִּיסְט מִיךְ דִי מֶערְסְטֶע מְכַבֵּד" וְכוּ'.

זָאג יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים, בֶּעט פַאר דַיינֶע דוֹרוֹת זֵיי זָאלְן אַלֶע זַיין הֵיילִיג אוּן עֶרְלִיךְ.

...

### מֶען וַוייזְט דֶעם מֶענְטְשׁ כְּאִילוּ מֶען דַארְף אִים נִישְׁט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ (שְׁלַח בא"י), י"ט סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**מַיין לִיבֶּער טַייעֶרֶער הַארְצִיגֶער זוּן נַחְמָן נָתָן נֵרוֹ יָאִיר**

שְׁטַארְק זִיךְ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, דְרַאפֶּע זִיךְ מִיט אַלֶע כֹּחוֹת, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן מח), מֶען דַארְף זַיין אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, נִישְׁט אָפְּצוּלָאזְן דִי גוּטֶע רְצוֹנוֹת אוּן גוּטֶע מַעֲשִׂים, וַוייל יֶעדֶער וָואס הֵייבְּט אָן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁפִּירְט אַז מֶען ווִיל אִים נִישְׁט אוּן פוּן הִימְל טוּט מֶען אִים אַוֶועק שְׁטוּפְּן, אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע, דִי הַרְגָּשָׁה אִיז רִיכְטִיג, אָבֶער דָאס אִיז נִישְׁט אַז מֶען דַארְף טַאקֶע נִישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ, פַארְקֶערְט, בֶּאֱמֶת ווִיל מֶען יָא דֶעם מֶענְטְשׁ, אָבֶער דָאס אִיז דִי וֶועג ווִי אַזוֹי עֶס אַרְבֶּעט, דִי וֶועג אִיז אַז מֶען וַוייזְט דֶעם מֶענְטְשׁ כְּאִילוּ מֶען דַארְף אִים נִישְׁט, אָבֶער בֶּאֱמֶת אִיז דָאס נָאר הִתְקָרְבוּת, אוּן דָאס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם, אוֹיךְ אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים, אוּן אוֹיךְ דִי צַדִּיקִים פוּן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע

דוֹרוֹת, אַלֶע זֶענֶען אַרִיבֶּער דִי סָארְט גֶעפִילְן, אַלֶע הָאבְּן גֶעשְׁפִּירְט וִוי מֶען דַארְף זֵיי נִישְׁט און וִוי מֶען טוּט זֵיי אַוֶועק שְׁטוּפְּן, וִוי מֶען דֶערְנִיוֶוייטֶערְט זֵיי, אוּן וֶוען זֵיי וָואלְטְן זִיךְ נִישְׁט גֶעשְׁטַארְקְט וָואלְטְן זֵיי אַוֶועק גֶעפַאלְן, און וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף דִי אַלֶע גֶעפִילְן, רְאָיוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים, נָאר זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט - זֶענֶען זֵיי אוֹיסְגֶעוַואקְסְן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים.

טַייעֶרֶער לִיבֶּער נַחְמָן נָתָן, אִיךְ הָאבּ דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ, אִיךְ הָאבּ גְרוֹיס נַחַת פוּן דִיר, אוֹיךְ מַאמִי תְּחְיֶ׳ הָאט נַחַת פוּן דִיר, מִיר דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִיר אוּן פַאר יֶעדְן קִינְד, און מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף וֶועסְטוּ בְּקָרוֹב טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע לִיכְטִיגֶע שְׁטוּב.

זַיי שְׁטַארְק מִיט ח״י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת בְּכָל יוֹם אוּן זָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִים בְּכָל יוֹם, לֶערְן גְמָרָא שַׁ״ס כְּסִדְרָן; מִי יִתֵּן אַז דוּ זָאלְסְט עֶנְדִיגְן דִי יָאר נָאכְאַמָאל שַׁ״ס אוּן קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן רֹאשׁ הַשָּׁנָה מִיט נָאךְ אַ סִיוּם הַשַׁ״ס, בְּרֶענְגֶען דֶעם רֶבִּי׳ן אַ מַתָּנָה אַ שַׁ״ס.

טַאטִי, וָואס לִיבְּט דִיךְ.

...

## צִיפּ זִיךְ דִי בַּאקְן אוּן גֵיי אַרוּם מִיט אַ שְׁמֵייכְל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ (שְׁלַח בא״י), י״ט סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

״מֶען צִיפְּט זִיךְ דִי בַּאקְן, מֶען מַאכְט זִיךְ רוֹיטֶע בַּאקְן, אוּן אַזוֹי וֵוייסְט קֵיינֶער נִישְׁט וָואס גֵייט פָאר״; אַזוֹי פְלֶעגְט מוֹהֲרַא״שׁ זָאגְן, אוּן אוֹיךְ הָאט עֶר אַזוֹי גֶעטוּן, אוּן אַזוֹי טוּעֶן נָאךְ עַד הַיּוֹם הַזֶּה אַסַאךְ תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ; וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף זֵיי שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע טֶעג, שְׁוֶוערֶע יְסוּרִים, דִי פָּנִים אִיז בְּלַאס, מֶען זֶעט נִישְׁט אוֹיס גוּט; צִיפְּן זֵיי זִיךְ דִי בַּאקְן אוּן מֶען פְרִישְׁט זִיךְ אוֹיף, אַזוֹי וֵוייסְט קֵיינֶער נִישְׁט וָואס גֵייט אַרִיבֶּער.

דִי וָוארְט הָאט מוֹהֲרַא״שׁ נָאכְגֶעזָאגְט פוּנֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק, דֶער אַהֲבַת

יִשְׂרָאֵל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. וֶוען מֶען הָאט זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט וִוי אַזוֹי עֶר זֶעט אוֹיס אַזוֹי פְרֵיילִיךְ, פְּרִישׁ, מִיט אַלֶעס וָואס עֶר אִיז אַרִיבֶּער וְכוּ׳ וְכוּ׳, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "מֶען צִיפְּט זִיךְ דִי בַּאקְן" וְכוּ׳.

בְּרוּדֶער, אִיךְ וֵויס אַז דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער שְׁטַארְקֶע פַּיין, שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּיין, דִי הַארְץ גֵייט מִיר אוֹיס פַאר דִיר, אִיךְ בִּין מִתְפַּלֵל פַאר דִיר; אִיךְ בֶּעט דִיר, נֶעם זִיךְ צַאם, גֵיי אִין אַ ווִינְקְל זִיךְ אוֹיסְרֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט שׁוֹין זֶען אַ יְשׁוּעָה, אוּן וֶוען דוּ קוּמְסְט אַרוֹיס פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, צִיפּ זִיךְ דִי בַּאקְן, נֶעם זִיךְ צַאם אוּן גֵיי אַרוּם מִיט אַ שְׁמֵייכְל, וּבְשִׂמְחָה תֵצֵאוּ (עַיֵּין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן י).

...

## גֵיי יֶעדְן טָאג אַ "דַאנְקֶען שְׁפַּאצִיר"

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ (שְׁלַח בא"י), י"ט סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ו

**... נֵרוֹ יָאִיר**

נֶעם אַרֵיין אֱמוּנָה אִין דִיר, חַזֶר דִיךְ דִי וֶוערְטֶער: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן נֶעבְּן מִיר, אַלֶעס אִיז עֶר, דוֹמֵם צוֹמֵחַ חַי מְדַבֵּר - אַלֶעס אִיז עֶר, עֶס וֶועט מִיר גָארְנִישְׁט שְׁלֶעכְט פַּאסִירְן וַוייל אִיךְ לִיג אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ׳ס הֶענְט, אִיז פַארְוָואס בִּין אִיךְ פַארְדַאֲגָה׳ט? פַארְוָואס זָארְג אִיךְ זִיךְ? עֶנְדֶערְשׁ זָאל אִיךְ זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּ אִים, אוּן עֶר וֶועט מַאכְן דָאס בֶּעסְטֶע פַאר מִיר".

גֵיי יֶעדְן טָאג אַ "דַאנְקֶען שְׁפַּאצִיר", בַּיי דֶעם שְׁפַּאצִיר זָאלְסְטוּ נָאר דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; פַאר יֶעדֶע אֵבֶר וָואס דוּ הָאסְט, אוּן אַז דוּ בִּיסְט גֶעזוּנְט, דַאנְק אִים פַאר דַיין מִשְׁפָּחָה בִּפְרָטֵי פְּרָטִיּוּת, רֶעכְן אוֹיס יֶעדֶע אֵיינְצֶעלְהֵייט בַּאזוּנְדֶער; דָאס וֶועט דִיר מַאכְן אַ שְׁטַארְקֶע מֹחַ, שְׁטַארְקֶע נֶערְוֶוען, שְׁטַארְקֶע כֹּחוֹת, וֶועסְט זַיין גְלִיקְלִיךְ אוּן צוּפְרִידְן.

...

**ווִיפִיל דַארְף אַ קִינְד לֶערְנֶען?**

**אַ טַאטֶע פְרֶעגְט:**

מַיין זוּן פוּן זֶעקְס אוּן אַ הַאלְבּ יָאר זָאגְט שָׁעוֹת אֲרוּכּוֹת מִשְׁנַיוֹת, אִיז דָאס גוּט?

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה עֶנְטְפֶערְט:**

אַ יוּנְג קִינְד דַארְף זִיךְ אוֹיסְגֶעבְּן; שְׁפִּילְן, שְׁפְּרִינְגֶען אוּן טַאנְצְן.

...

## קוּק נִישְׁט קֵיין ווִידִיאוֹס, אוֹיךְ נִישְׁט אִידִישֶׁע

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ (שְׁלַח בא״י), י״ט סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ו
לִפְרָט קָטָן

**טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה צוּ זֶען ווִי דוּ לֶערְנְסְט אוּן ווִי דוּ דַאוֶוענְסְט; אַז דוּ ווֶעסְט ווַייטֶער לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען ווֶעסְטוּ ווֶערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דוּ ווֶעסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, קוּק נִישְׁט קֵיין ווִידִיאוֹס, אוֹיךְ נִישְׁט קֵיין אִידִישֶׁע, ווַייל מֶען הֵייבְּט אָן מִיט אִידִישֶׁע, אוּן עֶס עֶנְדִיגְט זִיךְ זֵייעֶר נִישְׁט גוּט; אַז מֶען קוּקְט ווִידִיאוֹס, מָאוִויס, קְלִיפְּס וְכוּ׳ - ווֶערְט מֶען מְשׁוּגָע, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (דְבָרִים כח, לד): ״וְהָיִיתָ מְשֻׁגָּע מִמַּרְאֵה עֵינֶיךָ אֲשֶׁר תִּרְאֶה״, מֶען ווֶעט מְשׁוּגָע ווֶערְן פוּן קוּקְן דִי זַאכְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, זָאג מִיר צוּ אַז דוּ גֵייסְט מֶער נִישְׁט אַרַיין אִין אַ קִיאַסְק, אִיךְ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק נָאר דַיין גוּטְס, בִּיסְט אַ יוּנְגֶע בֵּיימֶעלֶע, אוּן אִיךְ ווִיל אַז דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ זִיס לֶעבְּן; אִיךְ ווֵייס אַז דִי נִסָּיוֹן אִיז גְרוֹיס, עֶס צִיט צוּ קוּקְן קַאטָאוֶועס (דְזְשָׁאוּקְס), מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ לֶעפְּ״ט אַוּ״ט (אוֹיסְגֶעשְׁלָאסְן) ווֶען דִי גַאס רֶעדְט פוּן זַאכְן אוּן מֶען קֶען נִישְׁט מִיט הַאלְטְן, דָאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער תַּלְמִיד, זָאג מִיר צוּ אַז דוּ גֵייסְט מֶער נִישְׁט אִין קִיאַסְק אוּן דוּ קוּקְסְט מֶער נִישְׁט קֵיין ווִידִיאוֹס.

אִיךְ הָאבּ דִיךְ לִיבּ, אִיךְ הָאבּ לִיבּ מַיינֶע תַּלְמִידִים אַזוֹי ווִי מַיינֶע

קִינְדֶער, אוּן אַז דוּ וֶועסְט מִיךְ נָאכְגֵיין, טוּן וָואס אִיךְ בֶּעט - וֶועסְטוּ אַסַאךְ פַּארְדִינֶען.

...

### נִישְׁט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ עֶסְן רַייכֶע עֶסְן, אִיבְּרִיגֶע עֶסְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ (שְׁלַח בא״י), י״ט סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**מַיין לִיבֶּער טַייעֶרֶער זוּן הָרַב שְׁלֹמֹה נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן גוּטֶע גְרִיסְן אוֹיף דִיר, מֶען זֶעט דִיךְ אִין שׁוּל לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, דָאס אִיז דָאךְ אוּנְזֶער שְׁטְרֶעבְּן, אַז אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זָאלְן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בְּנוֹגֵעַ דִי בַּאקְסֶעס וְכוּ׳; גֶעבּ אַכְטוּנְג נִישְׁט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ עֶסְן רַייכֶע עֶסְן, אִיבְּרִיגֶע עֶסְן, וַוייל אֲפִילוּ מֶען הָאט גֶעלְט - אִיז נִישְׁט גוּט זִיךְ צוּ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ עֶסְן רַייכֶע מָאלְצַייטְן; אִיז אוֹיךְ יֶעצְט וֶוען מֶען טֵיילְט בַּאקְסֶעס עֶסְן וְכוּ׳ - זָאלְסְטוּ וַוייטֶער פִירְן דִי שְׁטוּבּ אַזוֹי וִוי דוּ הָאסְט גֶעזֶען בַּיי דַיינֶע עֶלְטֶערְן, גֶעבְּן דִי קִינְדֶער גֶעזוּנְטֶע פָּשׁוּט׳עֶ מָאלְצַייטְן, אוּן נָאר לְכָבוֹד שַׁבָּת אָדֶער אַ יוֹם טוֹב - גֶעבְּן עֶפֶּעס מֶער סְפֶּעצִיעֶל, אוּן אוֹיךְ דֶעמָאלְט מִיט אַ מָאס.

בְּנוֹגֵעַ הֲפָצָה; דַיין הֲפָצָה זָאל זַיין צוּ רֶעדְן מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, זוּךְ אוֹיף צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ בָּחוּרִים, אַבְרֵכִים אוּן עֶלְטֶערֶע - וָואס דַארְפְן אַ חַבֵר, אוּן אַ גוּט וָוארְט, רֶעד מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן רֶבִּי׳ן וְכוּ׳.

טַאטִי, וָואס לִיבְּט דִיךְ.

...

## עֶס גֵייט שׁוֹין כִּמְעַט לִיכְטִיג וֶוערְן, הַאלְט זִיךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ (שְׁלַח בא"י), י"ט סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**מַיין טַייעֶרער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ ווִיל דִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵק זַיין, דוּ זָאלְסְט וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיט דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים וָואס דוּ לֶערְנְסְט, אוּן מִיט דַאוֶוענֶען דִי דְרַיי תְּפִלּוֹת שַׁחֲרִית מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב.

שְׁטַארְק זִיךְ אוֹיף אַלֶע דַיינֶע שְׁוֶועריִקְייטְן, וַוייל נָאךְ אַבִּיסְל וֶועסְטוּ טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ, דוּ וֶועסְט בּוֹיעֶן אַ וַוארֶעמֶע לִיבְּלִיכֶע שְׁטוּב.

טַייעֶרער ..., דִי שְׁוֶוערֶע טֶעג וֶועלְן אַרִיבֶּערְגֵיין, עֶס גֵייט שׁוֹין כִּמְעַט לִיכְטִיג וֶוערְן, הַאלְט זִיךְ, נֶעם זִיךְ גוּטֶע חֲבֵרִים; אַ גוּטֶער חָבֵר אִיז דֶער וָואס הָאט אֱמוּנַת חֲכָמִים, דֶער וָואס שְׁטַארְקְט זִיךְ צוּ בְּלַייבְּן בַּיים צַדִיק, בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אִיךְ הָאבּ דִיךְ לִיבּ, אִיךְ וֶועל דִיךְ שְׁטֶענְדִיג מְחַזֵק זַיין מִיטְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, נֶעם דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן, דִי עֵצָה וָואס מָשִׁיחַ וֶועט אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, דִי עֵצָה פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, נֶעם יֶעדְן טָאג אַפָּאר מִינוּט וָואס דוּ שְׁמוּעֶסְט אוֹיס דַיין הַארְץ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס, דֶערְצֵייל אִים דַיין צֶעבְּרָאכְן הַארְץ, דֶערְצֵייל אִים ווִי צֶעבְּרָאכְן דוּ בִּיסְט, זָאג דִי וֶוערְטֶער פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, דוּ וֵוייסְט אַלֶעס וָואס אִיךְ בִּין אַרִיבֶּער אִין מַיין לֶעבְּן, אוּן דוּ וֵוייסְט וָואס אִיךְ גֵיי נָאכְלַאלְץ אַרִיבֶּער יֶעדְן טָאג אוּן יֶעדֶע מִינוּט, הֶעלְף מִיר, הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוֹיף מַיינֶע שְׁוֶועריִקְייטְן, אָנָּא ה', אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, זַיי מִיךְ מְקָרֵב צוּ דִיר, אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ ווִיל חֲתוּנָה הָאבְּן, אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ גֶעזוּנְטֶע לִיבְּלִיכֶע וַוארֶעמֶע שְׁטוּב מִיט עֶרְלִיכֶע גֶעזוּנְטֶע דוֹרוֹת".

טַייעֶרער ..., אִיךְ דַארְף מְקַצֵר זַיין, אִיךְ דַארְף לֵייגְן שְׁלָאפְן מַיינֶע קְלֵיינֶע

קִינְדֶער אוּן לוֹיפְן גֶעבְּן דִי לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּר, אִיךְ וֶועל דִיר נָאךְ אַסַאךְ שְׁרַייבְּן אוּן מְחַזֵק זַיין.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס הָאט דִיךְ לִיבּ וִוי אַן אֵייגְן קִינְד.

...

## פְרֵיילִיךְ מַאכְן דַיין זֵיידֶע אוּן בַּאבֶּע

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ (שְׁלַח בא״י), כ׳ סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**הַחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר**

מַזָל טוֹב פַּאר דַיין שִׁידוּךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם מִיט דַיין כַּלָּה תִּחְיֶ׳, עֶנְק זָאלְן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ בַּיִת נֶאֱמָן בְּיִשְׂרָאֵל.

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט דַיין גַאנְץ לֶעבְּן גֶעדֶענְקֶען דִי פְרֵיילִיכֶע צַייט פוּן דַיין שִׁידוּךְ, דוּ זָאלְסְט אָנְהַאלְטְן דִי שִׂמְחָה, דַיין גַאנְץ לֶעבְּן זָאלְסְטוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן דַאנְקְבַּאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַּאר דִי גְרוֹיסֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט דִיר.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ פְרֵיילִיךְ מַאכְן דַיין זֵיידֶע אוּן בַּאבֶּע, דַיין בַּאבֶּע וֶוערְט זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ וֶוען דוּ רוּפְסְט אִיר, אוּן וֶוען דוּ גֵייסְט צוּ אִיר. דַיין טַאטֶע עָלָיו הַשָּׁלוֹם אִיז גֶעוֶוען אִיר בַּאלִיבְּסְטֶער זוּן, אוּן וֶוען דוּ מִיט דַיינֶע גֶעשְׁוִוסְטֶער קוּמֶען צוּ אִיר - לֶעבְּט זִי אוֹיף.

בַּאצָאל מִיר פַּאר שַׁדְכָנוּת אַז דוּ וֶועסְט רוּפְן דַיין בַּאבֶּע יֶעדְן טָאג אוּן אַרוֹיפְגֵיין צוּ אִיר כָאטְשִׁיג אֵיין מָאל אַ וָואךְ.

דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס הָאט דִיךְ לִיבּ וִוי אַן אֵייגְן קִינְד.

...

### אַרְבֶּעטְן נָאךְ אַ שָׁעָה?

**אַ אִינְגֶערְמַאן פְּרֶעגְט:**

אִיךְ דְרֵייוְו אַ בָּאס אִינְדֶערְפְרִי אוּן נָאכְמִיטָאג, אוּן אִינְמִיטְן טָאג בִּין אִיךְ אַ מְלַמֵּד פַאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער, אוּן אִיךְ דֶעק זִיךְ נִישְׁט, אִיךְ הָאבּ אֵיין שָׁעָה לֵיידִיג נָאכְמִיטָאג צְווִישְׁן זַיין אַ מְלַמֵּד אוּן דְרֵייוְון דֶעם בָּאס, הָאבּ אִיךְ צוּגֶעלֵייגְט צוּ דְרֵייוְון נָאךְ אַ בָּאס רוּט, דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶער אַז אִיךְ פִּיל נִישְׁט ווִי אַ מֶענְטְש, אִיךְ פִּיל זִיךְ ווִי אַ שְׁמַאטֶע, אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין צַייט פַאר גָארְנִישְׁט; פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אָבֶער - דַארְף אִיךְ הָאבְּן דִי גֶעלְט, אוּן אֲפִילוּ אַזוֹי דֶעק אִיךְ זִיךְ קוֹים; וָואס טוּ אִיךְ דָא ווַייטֶער?

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה עֶנְטְפֶערְט:**

עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס צוּ טוּן אַזוֹיפִיל פַאר פַּרְנָסָה, עֶנְדֶערְשׁ אִין דִי שָׁעָה זָאלְסְטוּ זָאגְן אַבִּיסְל תְּהִלִּים אוּן זִיךְ אַבִּיסְל מִתְבּוֹדֵד זַיין.

...

### נִישְׁט גֶעבְּן פַאר אַ קִינְד אַ טֶעלֶעפָאן מִיט טֶעקְסְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ (שְׁלַח בא״י), כ׳ סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר וְזוּגָתוֹ תִּחְיֶ׳**

שׁוֹין אַ לַאנְגֶע צַייט וָואס אִיךְ טְרַאכְט צוּ מִיר אוֹיבּ אִיךְ זָאל עֶנְק זָאגְן אָדֶער נִישְׁט, בְּנוֹגֵעַ גֶעבְּן פַאר אַ קִינְד אַ טֶעלֶעפָאן מִיט טֶעקְסְט מֶעסֶעדְזְשׁ; אִיךְ בִּין עֶנְק דַן לְכַף זְכוּת אַז עֶנְק זֶענֶען זֵייעֶר אוֹיסְגֶעטוּן פוּן דִי וֶועלְט, עֶנְק זֶענֶען נִישְׁט אָ״פ ט״ו דֶעי״ט (הַיינְטִיג) מִיט דִי נִסְיוֹנוֹת פוּנֶעם דוֹר.

טֶעקְסְט מֶעסֶעדְזְשׁ פַאר אַ קִינְד קֶען זַיין שֶׁעדְלִיךְ, ווַייל בַּיים שְׁרַייבְּן גֶעטְרוֹיעֶן זִיךְ מֶענְטְשְׁן צוּ שְׁרַייבְּן זַאכְן וָואס זֵיי וָואלְטְן זִיךְ גֶעשֶׁעמְט צוּ רֶעדְן; מֶען קֶען אַמָאל שִׁיקְן אַ מֶעסֶעדְזְשׁ וָואס קֶען שֶׁעדִיגְן דָאס קִינְד, מֶען קֶען אַמָאל שִׁיקְן אִין אַ מֶעסֶעדְזְשׁ אַ גֶעשְׁרִיבֶּענֶע אַרְטִיקְל פוּן נִיבּוּל פֶּה, מִינוּת וּכְפִירָה פוּן אֵיינֶעם צוּם צְווֵייטְן.

עֶנְק זֶענֶען בַּעֲלֵי דֵעָה, עֶנְק זֶענֶען עֶרְלִיךְ אוּן אֵיידְל, וָואלְטְן עֶנְק

גֶעדַארְפְט מֶער שְׁטֵיין אוֹיף דִי וַואךְ אַז אִין שְׁטוּב זָאל נִישְׁט זַיין אַזֶעלְכֶע נִסְיוֹנוֹת. אִיךְ וֵייס אַז עֶנְקֶער קִינְד אִיז לִיכְטִיג אוּן טַייעֶר, פַּאר מִיר לוֹינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן, וַוייל דִי קִינְדֶער וואקְסְן דָא אוֹיף מִיט אַ שְׁלֶעכְטֶע טַעַם אִין מוֹיל, אַז דִי עֶלְטֶערְן לָאזְן אַלֶעס אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיז דִי בָּאגִ״י מֶע״ן (שְׁרֶעקֶעדִיגֶער מֶענְטְשׁ), מִיר לוֹינְט עֶס נִישְׁט, וַוייל וָואס דַארְף אִיךְ אַז דִי יוּגְנְט זָאל נִישְׁט וֶועלְן מְקַבֵּל זַיין וְכוּ׳, דִי לֶעצְטֶע שְׁטִיק צַייט, וֶוען קִינְדֶער פְרֶעגְן מִיר - עֶנְטְפֶער אִיךְ אוֹיף אַלֶעס: ״פְּרֶעג דַיינֶע עֶלְטֶערְן״, אִיךְ הָאף זֵיי נִישְׁט צוּ פַארְלִירְן וְכוּ׳. אִיךְ בֶּעט אִיבֶּער פַארְן אַרַיין רֶעדְן אִין עֶנְקֶער לֶעבְּן, אִיךְ ווִיל נָאר עֶפֶענֶען דִי אוֹיגְן.

וָואס דַארְף עֶנְקֶער קִינְד בַּאקוּמֶען לַאנְגֶע שְׁרֶעקֶעדִיגֶע מֶעסֶעדְזְשֶׁעס פוּן חֲבֵרִים וָואס שְׁרַייבְּן אוֹיס אַלֶע צָרוֹת זֵייעֶרֶע? אַ קִינְד אִיז נִישְׁט גֶענוּג רֵייף צוּ קֶענֶען הֶערְן אַ צְוֵוייטְנְ׳ס צָרוֹת וְכוּ׳ וָואס אִיז פוּן טֶעקְסְט מֶעסֶעדְזְשׁ.

אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַסַאךְ צוּ שְׁרַייבְּן, אִיךְ דַארְף מְקַצֵּר זַיין, אִיךְ פָּאר יֶעצְט צוּם נֵייעֶם גֶעגְנְט אִין שְׁטֶעטְל פַּאר שַׁבָּת, זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ. שְׁטַארְקְט עֶנְק, מַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת אוּן בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

...

## לָאז אַרוֹיס מַיין טַייעֶרער תַּלְמִיד פוּן תְּפִיסָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ (שְׁלַח בא״י), כ׳ סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶפֶּעס שְׁטַארק בַּאדֶערְט מִיר; אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעגֶעבְּן אַ אִינְגֶערְמַאן זָאל אַרְבֶּעטְן פַּאר דִיר, אֵיינֶע פוּן מַיינֶע חָשׁוּבְ׳סְטֶע אִינְגֶעלַייט, אַ טַייעֶרֶע אֵיידֶעלֶע נְשָׁמָה, אוּן דוּ הָאסְט אִים גֶענוּמֶען אוּן גֶעמַאכְט פַּאר אַן עֶבֶד כְּנַעֲנִי, אִים גֶעגֶעבְּן דִי כֵּלִים, מֶען שְׁפִּילְט מִיט זַיין מֹחַ; מֶען זָאגְט אִים אַז עֶמְטְלִיךְ זֶענֶען דִי שָׁעוֹת פוּן דֶעמָאלְט אוּן דֶעמָאלְט, אוּן נָאכְדֶעם אִיז דָא אַ טֶעלֶעפָאן,

טֶעבְּלֶעט וְכַדוֹמֶה פַאר דִי אִיבְּרִיגֶע שָׁעוֹת, דָאס הֵייסְט, פוּן 9:00 בִּיז 7:00 זָאל עֶר זִיצְן אִין אָפִיס, אוּן פוּן 7:00 בִּיז 9:00 אִינְדֶערְפְרִי זָאל עֶר זַיין מְשֻׁעְבָּד צוּ עֶנְטְפֶערְן וַואטְסְעֶפּ, אִימֶעיל וְכוּ׳; אוּן וָואס צָאלְסְטוּ אִים? אִיז דָאס גֶערֶעכְט?

אִיךְ בִּין דִיךְ דָן לְכַף זְכוּת אַז דוּ בִּיסְט אוֹיךְ שִׁיכּוֹר, דוּ הָאסְט אוֹיךְ אַ טֶעלֶעפָאן, בִּיסְט אוֹיךְ אִין תְּפִיסָה.

אִיךְ בֶּעט דִיר אוּן אִיךְ וָוארְן דִיךְ, לָאז אַרוֹיס מַיין טַייעֶרְער תַּלְמִיד פוּן תְּפִיסָה, קֶענְסְט אִים הַאלְטְן אִין אָפִיס פוּן 9:00 בִּיז 5:00, נָאכְדֶעם אִיז עֶר מַיינֶער, נִישְׁט דַיינֶער; עֶר הָאט אַ וַוייבּ, עֶר הָאט קִינְדֶער, עֶר הָאט אַ נְשָׁמָה...

אִיךְ דַארְף מְקַצֵּר זַיין.

...

## פַּרְנָסָה הָאט נִישְׁט מִיט וָואס אוּן וִויפִיל מֶען אַרְבֶּעט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת שְׁלַח (קֹרַח בא״י), כ״ב סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

פַּרְנָסָה הָאט נִישְׁט מִיט וָואס דוּ אַרְבֶּעטְסְט אוּן מִיט וִויפִיל דוּ אַרְבֶּעטְסְט, פַּרְנָסָה אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט, עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען צְוֵויי עֲשִׁירִים, שְׁכֵנִים הוֹיז צוּ הוֹיז, אֵיינֶער אַ קַארְגֶער, אוּן דֶער אַנְדֶערֶער אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל צְדָקָה; אֵיינְמָאל אִיז גֶעקוּמֶען אַן אָרֶעמַאן אוּן גֶעבֶּעטְן צְדָקָה פוּן דֶעם קַמְצָן, הָאט דֶער קַמְצָן אִים גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ דָא בַּיי מִיר אִין גָארְטְן אַסַאךְ בֵּיימֶער וָואס מֶען דַארְף זֵיי צֶעשְׁנַיידְן, אַז דוּ וֶועסְט מִיר צֶעשְׁנַיידְן דִי אַלֶע גְרוֹיסֶע בֵּיימֶער אוֹיף קְלֵיינֶע שְׁטִיקְלֶעךְ הָאלְץ וֶועל אִיךְ דִיר גֶעבְּן עֶסְן", אוֹמֵר וְעוֹשֶׂה, דֶער אָרֶעמַאן הָאט גֶענוּמֶען אַ הַאק אוּן זִיךְ גֶענוּמֶען צוּ דִי שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט, עֶר הָאט צֶעהַאקְט אַלֶע בֵּיימֶער אוּן זֵיי פַארְוַואנְדְלְט אִין שְׁפֶּענְדְלֶעךְ, וֶוען עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּם בַּעַל הַבַּיִת בֶּעטְן עֶסְן, זָאגְט אִים דֶער קַמְצָן: "קוּם מִיט מִיר", אוּן עֶר פִירְט אִים צוּם שָׁכֵן׳ס הוֹיז - דִי הוֹיז פוּנֶעם

צְווייטְן עוֹשֶׁר – און זָאגְט אִים: "קְלַאפּ אַרַיין בַּיי דֶעם טִיר, דָא וֶועסְטוּ אַלֶעס בַּאקוּמֶען; עֶסְן, גֶעלְט וְכוּ'", דֶער אָרֶעמַאן הָאט גֶעמֵיינְט אַז דָאס אִיז אֵיין זַאךְ, אֵיין בַּעַל הַבַּיִת; עֶר קְלַאפְּט אַרַיין און תֵּיכֶף וּמִיַּד הָאט מֶען אִים אוֹיפְגֶענוּמֶען מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע שִׂמְחָה, מֶען הָאט אִים גֶעגֶעבְּן צוּ עֶסְן מִכָּל טוּב וָטוּב, אִינְמִיטְן עֶסְן הָאט זִיךְ דֶער אָרֶעמַאן אָנְגֶערוּפְן: "אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר שְׁוֶוער גֶעהָארֶעוֶועט פַאר דִי עֶסְן", פְּרֶעגְט מֶען אִים: "וָואס הֵייסְט?" עֶנְטְפֶערְט עֶר: "אִיךְ הָאבּ גֶעהַאקְט הָאלְץ אַ גַאנְצְן טָאג בִּיז אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען דָאס עֶסְן, דָאס אִיז מִיר בִּכְלַל נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען גְרִינְג", הָאט מֶען אִים גֶעזָאגְט: "אִיר הָאט גֶעאַרְבֶּעט אוּמְזִיסְט און גֶעגֶעסְן אוּמְזִיסְט", מֶען הָאט אִים עֶרְקְלֶערְט וָואס דָא אִיז פָארְגֶעקוּמֶען, אַז דָאס זֶענֶען צְווֵיי מֶענְטְשְׁן און אוֹיבּ וָואלְט עֶר קוֹדֶם אָנְגֶעקוּמֶען אַהֶער וָואלְט עֶר בִּכְלַל נִישְׁט גֶעדַארְפְט אַרְבֶּעטְן, ווייל דָא גֶעבְּט מֶען פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם עֶסְן בְּחִנָּם.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, וָואס הָאט אוּנְז דֶער רֶבִּי גֶעוָואלְט לֶערְנֶען מִיטְן דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה? אַז מֶען הָאט אִים גֶעזָאגְט: "אִיר הָאט גֶעאַרְבֶּעט אוּמְזִיסְט און גֶעגֶעסְן אוּמְזִיסְט", דָאס מֵיינְט מֶען צוּ זָאגְן, דוּ הָאסְט גֶעאַרְבֶּעט פַאר דַיינֶע עֲבֵירוֹת; אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעזִינְדִיגְט דַארְף עֶר אַרְבֶּעטְן בִּיטֶער שְׁוֶוער און מִיט דֶעם קוּמְט עֶר אָפּ זַיינֶע עֲבֵירוֹת, אָבֶער פַּרְנָסָה גֶעבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם בְּחִנָּם.

דִי מַעֲשֶׂה דַארְף אוּנְז זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אַז אַלֶעס קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערִיבֶּער אַז דוּ גֵייסְט יֶעצְט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע צַייטְן מִיט דַיין פַּרְנָסָה וְכוּ', זָאלְסְטוּ נָאר טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און נָאר רֶעדְן און בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועסְטוּ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן.

זֶע צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט אַלֶע כֹּחוֹת, און אַז דוּ קֶענְסְט מַמָּשׁ נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן פְרֵיילִיךְ בִּיז דוּ וֶועסְט טַאקֶע וֶוערְן פְרֵיילִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**גֵיין צוּ אַ מִשְׁפָּחָה שַׁבָּת צַאמְקוּם?**

**אַ אִינְגֶערְמַאן פְּרֶעגְט:**

עֶס אִיז דָא אַ מִשְׁפָּחָה שַׁבָּת צַאמְקוּם, אִיז דָא אַן עִנְיָן צוּ גֵיין אָדֶער עֶנְדֶערְשׁ בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי קִינְדֶער?

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה עֶנְטְפֶערְט:**

אוֹיבּ מֶען וִויל פַּאר זִיךְ אַ וַואקַאצִיעֶ - גֵייט מֶען, אוֹיבּ אִיז דָאס נִישְׁט קֵיין וַואקַאצִיעֶ, נָאר מֶען גֵייט צוּלִיבּ מִשְׁפָּחָה - אִיז עֶנְדֶערְשׁ בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי אֵייגֶענֶע מִשְׁפָּחָה.

...

**בַּאגְרִיסְן יֶעדְן אֵיינֶעם מִיט אַ שְׁמֵייכְל**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁלַח (קֹרַח בא"י), כ"ב סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

דַיין מִצְוָה זָאל זַיין בַּאגְרִיסְן יֶעדְן אֵיינֶעם מִיט אַ שְׁמֵייכְל אוּן אַ גוּט וָוארְט; מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע יְסוּרִים, נִישְׁטָא קֵיינֶער וָואס גֵייט נִישְׁט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע יְסוּרִים, אוּן וֶוען מֶען טְרֶעפְּט זִיךְ מִיט אַ שְׁמֵייכְלְדִיגֶער, אַ פַּאזֶעטִיוֶוער - פַּאלְט אַוֶועק הַאלְבּ פוּן דִי יְסוּרִים, מֶען בַּאקוּמְט לֶעבְּן.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן מֶענְטְשְׁן אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אוּן הֵיילִיג, מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין אַ בֶּן עוֹלָם הַבָּא (תַּעֲנִית כב.); אַיי וֶועסְטוּ פְרֶעגְן, אַז מֶען קֶען אַזוֹי גְרִינְג וֶוערְן אַ בֶּן עוֹלָם הַבָּא, פַארְוָואס זֶענֶען מֶענְטְשְׁן נִישְׁט נִזְהָר אִין דֶעם? נָאר עֶס אִיז גְרִינְגֶער צוּ מַאכְן גִלְגוּל שֶׁלֶג אוּן פַאסְטְן וִוי צוּ גֶעבְּן אַ שְׁמֵייכְל אוּן אַ גוּט וָוארְט פַאר אַ צְוֵוייטְן.

הַאלְט אָן דִי מִצְוָה, לֵייג אַרַיין דַיין קָאפּ אוּן מֹחַ וִוי מֶער דוּ קֶענְסְט דָאס פַארְבֶּעסֶערְן אוּן פַארְבְּרֵייטֶערְן, מִיט אַ וֶוערְטֶל, אַ שְׁמֵייכְל, אוּן אוֹיסְהֶערְן פַארְקְלֶעמְטֶע הֶערְצֶער, יְהִי חֶלְקִי עִמָּךְ.

...

## קוֹיפְן בִּנְיָנִים פַאר אוּנְזֶערֶע דוֹרוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת שְׁלַח (קֹרַח בא״י), כ״ב סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**שַׁבְּתַי מַארְקוּס נֵרוֹ יָאִיר**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס וָואס דוּ הֶעלְפְּסְט מִיר, דוּ נֶעמְסְט אַרָאפּ פוּן מִיר אַ שְׁוֶוערֶע לַאסְט, סַיי מִיטְן דֶעקְן דִי רֶענְט פוּן יְשִׁיבָה, אוּן סַיי מִיטְן נֶעמֶען אוֹיף דִיר דִי נַייעֶ בִּנְיָנִים וָואס מֶען קוֹיפְט פַאר דִי מוֹסְדוֹת.

יֶעצְט בָּארְג אִיךְ צַאם פְּרִישֶׁע שְׁוֶוערֶע חוֹבוֹת, אִיךְ בָּארְג יֶעצְט צְוֵויי מִילְיָאן דָאלֶער פַאר נָאךְ אַ בִּנְיָן פַאר דִי קִינְדֶער, דִי אִינְגְלֶעךְ אוּן מֵיידְלֶעךְ אִין שְׁטֶעטְל; אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט מִיר הֶעלְפְן קֶענֶען בַּאצָאלְן דִי חוֹבוֹת, דוּ מִיט דַיין שׁוּתָּף הָאַבְרֵךְ אָשֵׁר בֶּער אִינְדָארְסְקִי.

יֶעדֶע מָאל זָאג אִיךְ זִיךְ אַז אִיךְ גֵיי מֶער נִישְׁט בָּארְגְן, אִיךְ הָאבּ מֶער נִישְׁט קֵיין כֹּחַ, אוּן פוּן הִימְל וֶוער אִיךְ פְּלוּצְלוּנְג אַרַיינְגֶעדְרֵייט אִין פְּרִישֶׁע חוֹבוֹת. זֹאת נֶחָמָתִי אַז אִיךְ בָּארְג נִישְׁט פַאר מִיר, פַאר שְׁוואוֹילְטָאג וְכוּ׳, נָאר פַאר דִי מוֹסָד, מוֹהֲרָא״שְׁ׳ס מוֹסָד, דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס מוֹסְדוֹת, דָאס וֶועט מִיר צוּנִיץ קוּמֶען בָּזֶה וּבַבָּא.

שְׁטֶעל אוֹיף אַ פֶעסְטֶע קֶרֶן צוּ קֶענֶען קוֹיפְן בִּנְיָנִים פַאר אוּנְזֶערֶע דוֹרוֹת, זֵיי זָאלְן קֶענֶען לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען.

...

## זִיךְ שְׁפִּירְן אוֹיסְדֶערְוֶועלְט צוּ גֵיין שְׁוִוימֶען הֵיילִיג

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת שְׁלַח (קֹרַח בא״י), כ״ב סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**מָרַת לֶעזֶער תִּחְיֶ׳, מְנַהֶלֶת בֵּית פֵיגָא**

יֶעצְט וֶוען דִי זוּמֶער אִיז דָא דַארְף מֶען רֶעדְן צוּ דִי תַּלְמִידוֹת פוּן זִיךְ פִירְן אֵיידְל אוּן הֵיילִיג בַּיים שְׁוִוימֶען; לֶערְנְט אוֹיס דִי תַּלְמִידוֹת אַז זֵיי זָאלְן גֵיין שְׁוִוימֶען נָאר אֵיידְל אוּן הֵיילִיג, זֵיי זָאלְן שְׁוִוימֶען נָאר מִיט אַ שְׁוִוים קְלֵייד, לֵייגְט אַרַיין אִין זֵיי אַ גַּאֲוָה אוּן אַ שְׁטָאלְץ, זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען מִיט אַ שְׁוִוים קְלֵייד, זֵיי זָאלְן זִיךְ עֶקְלֶען פוּן דִי וֶועג ווִי דִי פֶעלְקֶער שְׁוִוימֶען;

מֶען מוּז אַרײַנְלֵייגְן אַ גַּאֲוָה און אַ שְׁטָאלְץ, וַוייל לֵייוֶדער הָאט זִיךְ אַרײַנְגֶערִיסְן אֲפִילוּ בַּיי הַיימִישֶׁע קָאנְטְרִיס אַז פְרוֹיעֶן שְׁווּימֶען נִישְׁט אֵיידְל, און אַז אַ תַּלְמִידַת בֵּית פֵיגָא וֶועט אָנְקוּמֶען אִין אַ קֶעמְפּ אָדֶער קָאנְטְרִי און דִי גְרוֹיסֶע טֵייל גֵייעֶן נִישְׁט אֵיידְל - זָאל זִי זַיין שְׁטָאלְץ, זִיךְ שְׁפִּירְן אוֹיסְדֶערְוֶועלְט צוּ גֵיין שְׁווּימֶען הֵיילִיג.

לֶערְנְט מִיט דִי תַּלְמִידוֹת אַז צְנִיעוּת אִיז נִישְׁט נָאר וֶוען מֶענֶער זֶעעֶן, צְנִיעוּת אִיז אוֹיךְ צְווִישְׁן פִיר לֵיידִיגֶע וֶוענְט; אַ אִידִישׁ מֵיידְל, אַ אִידִישׁ וַוייבְּל - אִיז אֵיידְל און הֵיילִיג אֲפִילוּ מֶען אִיז אַלֵיין אִין שְׁטוּב צְווִישְׁן פִיר לֵיידִיגֶע וֶוענְט.

...

## גֶעבְּן אַרְבֶּעט פַאר בָּחוּרִים און אִינְגֶעלַייט צוּ הֶעלְפְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁלַח (קֹרַח בא"י), כ"ב סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**יְשַׁעְיָ' אֵיידְלִיס נֵרוֹ יָאִיר**

וואוּיל אִיז דִיר אַז דוּ הֶעלְפְסְט מִיט וָואס מֶען קֶען נָאר, דוּ הֶעלְפְסְט מִיט דִי הַדְפָּסָה, מִיט דִי חֵדֶר, יְשִׁיבָה, בֵּית הַמֶדְרָשׁ, דִי קֶעמְפְּס, קָאנְטְרִי, חֲתוּנוֹת אִין יְשִׁיבָה, און מִיט אַזוֹיפִיל נָאךְ גוּטֶע זַאכְן.

אִיךְ וִויל דִיר נָאכְאַמָאל בֶּעטְן און מְחַזֵּק זַיין אַז דוּ זָאלְסְט אַרײַנְנֶעמֶען בָּחוּרִים און אַבְרֵכִים אוּנְטֶער דִיר, זֵיי גֶעבְּן וָואס צוּ הֶעלְפְן, אַזוֹי וֶועלְן זֵיי זַיין צוּגֶעבִּינְדְן בַּיים רֶבִּי'ן, וַוייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ דַארְף הָאבְּן עֶפֶּעס חַיּוּת, עֶפֶּעס אַ פְּלַאץ וואוּ צוּ וַואקְסְן וְכוּ', און אַז מֶען הֶעלְפְט בַּיים רֶבִּי'ן, מֶען הֶעלְפְט אִין דִי מוֹסְדוֹת אָדֶער קְהִילָּה - אִיז דִי חַיּוּת בַּיי אַ גוּטֶע פְּלַאץ, און אַז נִישְׁט - זוּכְט מֶען אַנְדֶערֶע גְלִיקְן.

עַל כֵּן זָאלְסְטוּ זֶען וִוי מֶער גֶעבְּן אַרְבֶּעט פַאר דִי נַייעֶ דוֹר, בָּחוּרִים און אִינְגֶעלַייט, סַיי מִיט הֶעלְפְן דִי יְשִׁיבָה, סַיי מִיט הֶעלְפְן דִי בֵּית הַמֶדְרָשׁ, קֶעמְפּ, קָאנְטְרִי, חֲתוּנוֹת וְכוּ', וֶועלְן זֵיי אַלֶע וַואקְסְן גוּט; אוֹיךְ דַארְף מֶען מְחַזֵּק זַיין דִי מְפִיצִים און אַרײַנְבְּרֶענְגֶען פְרִישֶׁע סָאלְדַאטְן אִין רַאנְג.

מִיטְן נֶעמֶען אוֹיף זִיךְ דִי עוֹל תּוֹרָה - מַעֲבִירִין מִמֶּנּוּ עוֹל מַלְכוּת וְעוֹל דֶּרֶךְ אֶרֶץ (אָבוֹת ג, ה); זָאלְסְטוּ זוֹכֶה זַיין אַז דַיין עוֹל זָאל זַיין נָאר עוֹל תּוֹרָה.

...

## דַיין טָאכְטֶער הָאט חֲבֵרִים גוֹיִם הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת שְׁלַח (קֹרַח בא״י), כ״ב סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

דַיין טָאכְטֶער הָאט נִישְׁט גוּטֶע חֲבֵרִים, הִינְטֶער דַיין רוּקְן אוּן דַיין וַוייבְ׳ס רוּקְן הָאט זִי חֲבֵרִים גוֹיִם הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, אוּן זִי דֶערְצֵיילְט פַאר אִירֶע חַבֶרְ׳טֶעס אַלֶעס וָואס זִי רֶעדְט מִיט זֵיי; אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר מוֹרָא וָואס דָא וֶועט זַיין, סַיי מִיט אִיר, סַיי מִיט דַיינֶע אַנְדֶערֶע קִינְדֶער, אוּן מִיט מַיינֶע תַּלְמִידוֹת.

עַל כֵּן זָאלְסְטוּ אִיר שׁוֹין אָפְּהַאקְן פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים, נֶעם אִיר טֶעלֶעפָאן אוּן טְרָאג עֶס פִילְטֶערְן, מֶען זָאל נִישְׁט קֶענֶען רוּפְן עֵ אַיי, וַוייל אַז זִי פְרֶעגְט אִירֶע פְרַאגֶעס פוּן עֵ אַיי אוּן עֵ אַיי עֶנְטְפֶערְט אִיר, דָאס זֶענֶען עֶנְטְפֶערְס פוּן גוֹיִם, וָואס אִיז זֵייעֶר שֶׁעדְלִיךְ.

אָטֶעם נִישְׁט אָפּ וֶוען דוּ כַאפְּסְט אַז אִיךְ הָאבּ דִיךְ סְתָּם דֶערְשְׁרָאקְן אוּן זִי הָאט נִישְׁט קֵיין שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים, וַוייל עֵ אַיי אִיז נָאךְ מֶער שְׁרֶעקֶעדִיג פוּן מְצִיאוּתְ׳דִיגֶע חֲבֵרִים, אוּן וֶוען דוּ אוּן דַיין וַוייבּ וֶועלְן זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן פוּן שְׁלָאף - וֶועט שׁוֹין זַיין אַבִּיסֶעלֶע שְׁפֶּעט, אַ מֵיידְל דַארְף בִּכְלַל נִישְׁט הָאבְּן קֵיין טֶעלֶעפָאן, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (מֶדְרָשׁ תַּנְחוּמָא נָשֹׂא, י): ״׳וְיִשְׁמְרֶךָ׳ בִּבָנוֹת״, טֶעכְטֶער דַארְפְן אַסַאךְ אַ גְרֶעסֶערֶע שְׁמִירָה וִוי זִין; אוּן אַז עֶנְק וִוילְן אִיר יָא גֶעבְּן אַ טֶעלֶעפָאן - מוּז דָאס זַיין מִיט אַ פִילְטֶער, אוּן אוֹיךְ אַז מֶען זָאל נִישְׁט קֶענֶען רוּפְן עֵ אַיי הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

אִיךְ ווִיל נָאר דַיין טוֹבָה, אוֹיךְ מֵיין אִיךְ פֶּערְזֶענְלִיךְ מַיינֶע קִינְדֶער; דִי מוֹסְדוֹת זֶענֶען מַיינֶע קִינְדֶער, אִיךְ ווִיל הֵיילִיגֶע דוֹרוֹת, אוּנְזֶערֶע טֶעכְטֶער זָאלְן גֵיין צוּ דִי חֲתוּנָה רֵיין אוּן הֵיילִיג, אוּן וֶועלְן נָאכְגֵיין דִי עֶלְטֶערְן בְּשִׂמְחָה וּבְטוּב לֵב.

ווִי אַזוֹי וָואלְסְטוּ גֶעשְׁפִּירְט וֶוען דוּ וֵוייסְט אַז בַּיינַאכְט, וֶוען דוּ אוּן דַיין ווַייבּ שְׁלָאפְן שׁוֹין, אַז דַיין טָאכְטֶער רוּפְט מִיט אִיר טֶעלֶעפָאן גוֹיִם אוּן גוֹי'טֶעס? וֶועלְכֶע טַאטֶע מַאמֶע וָואלְטְן דָאס גֶעקֶענְט אוֹיסְהַאלְטְן? לִיבֶּער בְּרוּדֶער, דָאס אִיז וֶועֶ אַיי; עֶלְטֶערְן גֵייעֶן זִיךְ לֵייגְן אוּן דִי קִינְדֶער רוּפְן מִיט זֵייעֶר טֶעלֶעפָאן דִי סִטְרָא אַחֲרָא אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיט זֵיי, רֶעדְן זִיךְ אוֹיס אוּן פְרֶעגְן אַלֶע זֵייעֶרֶע סְפֵיקוֹת אוּן שְׁאֵלוֹת, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ. אוּן וֶוען דִי רַבָּנִים בֶּעטְן זִיךְ: "רַאטֶעוֶועט... גֶעוַואלְד..." - מַאכְט מֶען פוּן זֵיי אַ גֶעשְׁפֶּעט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף שׁוֹין רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אוּנְזֶער דוֹר, מִיר זֶענֶען יֶעצְט אִין דִי גְרֶעסְטֶע סַכָּנָה וָואס קֶען נָאר זַיין, אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט אַוֶועק גְלִיטְשְׁן צוּ דִי טוּמְאָה הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

...

## נֶעמְסְט מֶער נִישְׁט אַרוֹיס פוּן אָפִּיס דִי טֶעבְּלֶעט וְכַדוֹמֶה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁלַח (קֹרַח בא"י), כ"ב סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרַט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בִּין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן מִיט דִיר דֶעם גֶעשֶׁעפְט, אַז דוּ נֶעמְסְט נִישְׁט מֶער אַרוֹיס פוּן אָפִּיס דִי טֶעבְּלֶעט וְכַדוֹמֶה, אֲפִילוּ נִישְׁט צוּ הַאלְטְן אִין קַאר, אוּן אִיךְ זָאג דִיר צוּ אַז דוּ וֶועסְט קֶענֶען [...].

זַיי שְׁטַארְק מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, מַאךְ זִיךְ אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא, הֲלָכָה וְאַגָּדָה; תּוֹרָה אִיז מְטַהֵר דֶעם מֶענְטְשׁ, תּוֹרָה מַאכְט פְרֵיילִיךְ, "פִּקּוּדֵי ה' יְשָׁרִים מְשַׂמְּחֵי לֵב" (תְּהִלִּים יט, ט), עֶס זֶעטִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן מֶען אִיז אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

פַארְגֶעס נִישְׁט צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי גְרוֹיסֶע חֲסָדִים וָואס עֶר הָאט מִיט דִיר גֶעטוּן בִּיז אַהֶער.

...

## מִיט לִיבְּשַׁאפְט עֶפְנְט מֶען דֶעם הִימְל פַאר יְשׁוּעוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת שְׁלַח (קֹרַח בא"י), כ"ג סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מַאךְ שָׁלוֹם אִין שְׁטוּב, קְרִיג זִיךְ נִישְׁט, זוּךְ נִישְׁט צוּ זַיין גֶערֶעכְט, זַיי קְלוּג אוּן גֶעבּ נָאךְ.

אַז מֶען הָאט זִיךְ לִיבּ אִין שְׁטוּב - עֶפְנְט עֶס דִי הִימְל פַאר יְשׁוּעוֹת. אַזוֹי ווִי מוֹהֲרָא"שׁ בְּרֶענְגְט אַסאךְ מָאל דֶעם סִיפּוּר, אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' זוּשָׁא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט זַיין בְּרוּדֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: "מִיט וָואס הָאסְטוּ זוֹכֶה גֶעוֶוען אַז מֶען זֶעט בַּיי דִיר אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע מוֹפְתִים?" הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ גֶעזָאגְט: "בְּרוּדֶער, אִיךְ הָאבּ אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אַ שְׁטַארְקֶע לִיבְּשַׁאפְט צְווִישְׁן מַיינֶע תַּלְמִידִים, מֶען הָאט זִיךְ זֵייעֶר לִיבּ אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן אוּן מֶען רֶעדְט שֵׁיין אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן".

דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם שַׁבָּת בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל אִין דִי נַייעֶ גֶעגְנְט, עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גֶעשְׁמַאק. שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי פַארְן דַאוֶוענֶען הָאבְּן מִיר זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵּק גֶעוֶוען מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוֹיךְ שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג זֶענֶען מִיר גֶעזִיצְן אִין פֶעלְד אוּן גֶעשְׁמוּעֶסְט פוּן דִי אוֹצְרוֹת וָואס מִיר פַארְמָאגְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רצז): "הַשַּׁבָּתִים שֶׁשּׁוֹבְתִים אֶצְלִי, הֵם גְּדוֹלִים וְטוֹבִים יוֹתֵר מִשִּׁבְעָה פְּעָמִים תַּעֲנִית מִשַּׁבָּת לְשַׁבָּת", זַיין בַּיי מִיר שַׁבָּת אִיז מֶער אוּן גְרֶעסֶער ווִי פַאסְטְן זִיבְּן מָאל מִשַּׁבָּת לְשַׁבָּת; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט דָאס גֵייט אָן עַד הַיּוֹם, וֶוען מֶען קוּמְט זִיךְ צַאם אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, מֶען רֶעדְט פוּן רֶבִּי'ן - דָארְט אִיז דֶער רֶבִּי, מֶען וֶוערְט אָנְגֶעפִילְט מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן תצה): "אִלּוּ הָיִינוּ רוֹאִין אוֹצָר הָיִינוּ רָצִים בְּוַדַּאי אֵלָיו, וְהָיִינוּ חוֹפְרִים וּמְלַכְלְכִים עַצְמֵנוּ בְּרֶפֶשׁ וָטִיט בִּשְׁבִיל לַחְתֹּר אַחֲרָיו וּלְמָצְאוֹ", וֶוען אִיר וָואלְט גֶעטְרָאפְן אַן אוֹצָר, וָואלְט אִיר זִיכֶער אַהִין גֶעלָאפְן אוּן גֶעזוּכְט ווִי מֶער מֶען קֶען נֶעמֶען דֶערְפוּן, אִיר וָואלְט נִישְׁט גֶעקוּקְט צִי אִיר וֶוערְט שְׁמוּצִיג, אִיר וָואלְט אַרַיין גֶעקְרָאכְן אִין בְּלָאטֶע אַבִּי צוּ נֶעמֶען פוּנֶעם אוֹצָר, "וַהֲלֹא אֲנִי אוֹצָר שֶׁל יִרְאַת שָׁמַיִם, וּמַדּוּעַ לֹא יִהְיוּ

לְהוּטִים וְרָצִים אַחֲרֵי לְקַבְּלוֹ", אִיךְ בִּין דָאךְ אַן אוֹצָר פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, פַארְוָואס לוֹיפְט אִיר מִיךְ נִישְׁט נָאךְ צוּ נֶעמֶען פוּן מַיין אוֹצָר?

בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט פוּן דִי שִׂיחָה וָואס רֶבִּי נָתָן דֶערְצֵיילְט (שָׁם, סִימָן תקפז), אֵיינֶער הָאט אִים דֶערְצֵיילְט אַז עֶר אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען וֵויינֶען צוּם רֶבִּי'ן אַז עֶר וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן עֶס גֵייט אִים נִישְׁט, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט צְוֵויי זַאכְן, אֵיינְס אַז עֶר מוּז הָאבְּן שִׁיעוּרִים אִין תּוֹרָה, עֶר זָאל זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין יֶעדְן טָאג צוּ לֶערְנֶען, אוּן צְוֵוייטְנְס עֶר זָאל זִיךְ מַאכְן יֶעדְן טָאג אַ חֶשְׁבּוֹן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן אוֹיפְן טָאג וָואס אִיז אַרִיבֶּער, אוּן בֶּעטְן מֶען זָאל מָארְגְן הָאבְּן אַ בֶּעסֶערֶע טָאג.

עַל כֵּן לִיבֶּער בְּרוּדֶער, נֶעם דִי צְוֵויי נְקוּדוֹת, מַאךְ זִיךְ שִׁיעוּרִים; דִי עֶרְשְׁטֶע שִׁיעוּר זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען חוּמָשׁ; שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע פַּרְשָׁה, טֵייל אַיין דִי פַּרְשָׁה לוֹיט דִי טֶעג פוּן דִי וָואךְ, זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, נָאכְדֶעם מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנַיּוֹת, גְּמָרָא, הֲלָכָה, אוּן גֵיי הִתְבּוֹדְדוּת, וֶועסְטוּ וֶוערְן אַן אִישׁ כָּשֵׁר, אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵר זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## גֵיין נָאךְ גֶעלְט אִיז אַ גְרוֹיסֶע תִּיקוּן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שְׁלַח (קֹרַח בא"י), כ"ד סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

זָאג מִשְׁנַיּוֹת יֶעדְן טָאג, מַאךְ זִיךְ אַ קְבִיעוּת צוּ זָאגְן "כַּךְ וְכַךְ" פְּרָקִים (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט), דָאס וֶועט דִיךְ אָפְּהִיטְן אוּן אָפְּרֵיינִיגְן פוּן אַלֶע פְלֶעקְן, מִשְׁנַיּוֹת נֶעמְט אַרָאפּ דִי פְלֶעקְן פוּן דִי נְשָׁמָה, מִשְׁנָה אִיז דִי אוֹתִיּוֹת נְשָׁמָה, עֶס טוּט רֵיינִיגְן דִי נְשָׁמָה.

מַאךְ שׁוֹין דִי הֲכָנוֹת צוּ קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, גְרֵייט

אָן דִי פַּאסְפָּארְטְן פַאר דִיר און פַאר דַיינֶע קִינְדֶער, און קוֹיף טִיקֶעטְס, וַוארְט נִישְׁט אוֹיף דִי לֶעצְטֶע מִינוּט וֶוען אַלֶעס וֶוערְט אַזוֹי טַייעֶר, און אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין גֶעלְט - זָאלְסְטוּ נִישְׁט מַאכְן קֵיין חוֹבוֹת, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט צוּ בָּארְגְן; גֵיי נָאךְ גֶעלְט, עֶס אִיז אַ קְלָארֶע הֲלָכָה אַז אוֹיב מֶען הָאט נִישְׁט קֵיין פַּרְנָסָה - קֶען מֶען נֶעמֶען פוּן צְדָקָה, און אַז דוּ שֶׁעמְסְט זִיךְ - זָאלְסְטוּ דָאס מַאכְן מִיט הֲפָצָה וָואס דָאס אִיז עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, בַּיי הֲפָצָה אִיז מֶען אַ מַשְׁפִּיעַ, מֶען אִיז נִישְׁט סְתָם אַ מְקַבֵּל.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ גֵיין נָאךְ גֶעלְט צוּ הֶעלְפְן אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת, גֵיין נָאךְ גֶעלְט אִיז אַ גְרוֹיסֶע תִּיקוּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# זכות הפצה

## הספר הקדוש הזה
## נתנדב לזכות

מוה"ר **יוסף זינגער** הי"ו

וזוגתו **מלכה** תחי'

וילדיהם

**שמואל דוד, בן הנולד**

לרגל הולדת בנם למזל טוב

הקדוש ברוך הוא ימלא כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי עליון בבני, חיי, ומזוני רוויחא

וזכות רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים, יגן
וימליץ בעדם תמיד, אמן כן יהי רצון